STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03204

# A REBISHE HEYM IN AMOLIKN POYLN

Itah Kalish

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איטה קאליש

# א רבישע היים

## אין אמאליקן פוילן

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

חשון תשכ״ד
נאוועמבער 1963

ITA KALISZ / A REBISHE HEIM
I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby st., Tel-Aviv

איטה קאליש / א רבישע הײם
פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח' אלנבי 31

כל הזכויות שמורות למחברת
©
All rights reserved
Printed in Israel

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, ת"א

„דריי זאכן זאל מען זיך אפלערנען
פון א קינד:
עס גייט קיינמאל נישט ליידיק,
ס׳איז שטענדיק פריילעך און
אז עס וויל עפעס — וויינט עס״...

(געהערט פון מיין טאַטן זצ״ל)

דעם אנדענק פון מיין שוועסטער נעמי ז״ל

## וואַרקער חסידות / ד״ר שלמה ביקל

די ווייטיקסטע חסידישע הויפן, וואָס זענען אויפגעקומען אין קרוין־פוילן נאָך דער פטירה פון דעם פשיסעכער רבין, ר׳ שמחה־בונם, אין יאָר 1827, זענען, בלי ספק, געווען אין קאָצק און אין וואָרקע.

דער וואָרקער רבי, ר׳ יצחק קאַליש, אָדער ר׳ יצחק דער שוואַרצער, ווי מען האָט אים גערופן, און דער קאָצקער רבי, ר׳ מענדל מאָרגענשטערן, זענען ביידע געווען דעם פשיסעכער רבינס געהויבענע תלמידים און חסידים און זענען ביידע פאַרבליבן נאָענטע חברים אויך נאָך דעם, ווי זייערע וועגן האָבן זיך צעשיידט צווישן קאָצק און וואָרקע.

ר׳ מענדל מאָרגענשטערן איז געווען דער פילאָזאָף פון אינדיווידואַליזם. פאַר אים, פאַר ר׳ מענדעלען, האָט אַ חסיד געמיינט אַן אַליינגייער, אַ גייער מיט אויסשליסלעך אייגענע כוחות צו גאָט־דערקענטעניש. און אויף דעם שווערן וועג האָט דער רבי דעם חסיד ווייניק וואָס אָדער כלל נישט געקענט העלפן.

פאַר ר׳ יצחק קאַליש איז דער חסיד און יעדער ייִד, קודם כל, געווען אַ טייל פון דעם כלל און דער וועג צו גאָט אַ בציבורדיקער. פאַר ר׳ יצחקן איז דער כלל געווען אַ בעל־חוב צום יחיד, און דער רבי, דער פירער פון דעם כלל, וואָס אַנערקענט דעם חוב און באַמיט זיך אים וואָס בעסער און שפּעדיקער צו צאָלן.

אהבת הבורא און אהבת ישראל לאזן זיך נישט אנט־קעגן שטעלן. מען קען דערפאר נישט זאגן, אז דער קאצקער איז געווען דער מאן פון גאט־דערקענטעניש און דער וואָר־קער — פון ליבשאפט צו יידן און פון אהבת הבריות, אבער ווען מען שטעלט דיביידע פרינציפן אריין אין אן אריטמע־טישער ריי איז עס זיכער קרוב לאמת צו זאגן, אז פארן קאָצקער איז אהבת הבורא און די ליבשאפט צו אמת געווען נומער איינס, בעת ביים וואָרקער איז דער נומער איינס געווען די ליבשאפט צום ייד און די זארג פארן כלל.

דער קאָצקער האט, ווי כמעט יעדער אין אמת אריינ־געטוענער טראכטעריי, געהאט א צעווייטאָקט געמיט, א שארפע צונג און דעם טעמפעראמענט פון א קפדן. דער וואָרקער ווידער איז, ווי יעדער וואס האט ליבער מענטשן ווי אידעען, געווען א נוח לבריות און האט פארמאגט דאס געמיט פן א געטרייען טאטן און פון א הארציקן זיידן.

ר׳ יצחק איז אוועק קיין וואָרקע און האט דארט גע־נומען פראווען חסידות לויט א לגמרי אנדערער שיטה, ווי אין קאָצק — לויט דער שיטה פון אהבת ישראל.

קאצק און ווארקע — צוויי באזונדערע שיטות. די חסידים פון די צוויי הויפן האבן זיך נישט ליב געהאט, אָבער ר׳ מענדל און ר׳ יצחק זענען איבער דער פארשיידנקייט פון זייערע שיטות און איבער דעם קעגנזייטיקן מאנגל פון ליבשאפט צווישן זייערע חסידים, געבליבן א לעבן לאנג נאענטע חברים און פריינט.

ר׳ יצחק האט געקעניגט אין וואָרקע קנאפע צוויי צענדליק יאר און איז נפטר געווארן אין 1848, אין עלטער פון ניין און זעכציק יאר.

נאך דער פטירה פון ר׳ יצחק, דער באגרינדער פון דעם וואָרקער הויף, האט זיין פלאץ פארנומען זיין זון ר׳ מענדל, אדער ווי מען האט אים גערופן אין דער חסידישער וועלט „דער מיטעלער וואָרקער״. און אז ר׳ מענדל איז נייינצן יאר שפעטער נפטר געווארן אין פריען עלטער פון ניין און פערציק יאר, איז ארויף אויפן טראן זיין זון ר׳ שמחה־בונם, וואס האט זיך, על פי געמיט, ווייניק וואס אנגעקערט מיט זיין זיידן און מיט זיין טאטן. ר׳ שמחה־בונם איז גאר געווען א שטיק קאָצקער אויפן שטול פון וואָרקער רבין, און נאך די כמעט פערציק יאר, וואס ר׳ שמחה־בונם האט קפדניש און קנאיש, גארנישט אויפן וואָרקער שטייגער, אפגעשטורעמט אין וואָרקע און אין זיין אטוואצקער ווילע, איז געקומען ווידער א ר׳ מענדעלע, מענדעלע דער צווייטער. און אז ר׳ מענדעלע איז ל״ג בעומר 1919 נפטר געווארן אין ווארשע אין עלטער פון ניין און פערציק יאר (פונקט ווי זיין זיידע ר׳ מענדל דער ערשטער), איז געווארן רבי זיין זון ר׳ יצחק, וואס מיט אים ענדיקט זיך וואָרקע אין די יארן פון היטלעריסטישן אומקום און חורבן.

וועגן דער צייט, וואס נעמט ארום די לעצטע יארן פון דעם רבין ר׳ שמחה־בונם, פון זיין זון ר׳ מענדל דער צווייטער, און פון זיין אייניקל ר׳ יצחק, האב איך איבערגעלייענט א טייל פון די פרעכטיקע זכרונות* פון איטה קאליש, א וואָר־קער משפחה־קינד, וואס האט געקענט ווארקע, אירע רביים און רביצינס, און האט די פעיקייט פיין און לעבעדיק אפצומאלן געשטאלטן.

* ייווא־בלעטער, 1962.

איטה קאליש שאנעוועט נישט אירע געשטאלטן. זיי זענען טאקע נאענטע קרובים: זיידע, באבע, טאטע־מאמע און מומעס און פעטערס, אבער איר גייט צו דערציילן דעם אמת, ווי זי האט זיי געזען. זי אנטבלויזט, חלילה, נישט אירע העלדן, אבער זי גרימירט זיי אויך נישט, און האט דעם מוט צו דערציילן, וואס זי האט געהערט זאגן און דער עיקרשט, וואס זי האט אליין געזען.

די דאזיקע זכרונות זענען, לפי דעתי, ממש אן אוצר, ווי מען זאגט דאס, פארן קומענדיקן היסטאריקער פון די לעצטע צוויי דורות אין פוילן.

ערשטער קאפיטל

## מיין מוטער און איר משפחה

מיין מוטער — איר הומאר און קריטיק. — די מומע פייגעלע די צדיקת. — דער זיידע ר׳ פנחס און זיינע „ווארקער אייניקלעך״. — די מומע מרים די פרנסה־געבערין. — דער פעטער בונם —, זיינע „געהיימע שליחותן״.

.1

מיין מוטער געדענק איך מיינסטנס אַ קרענקלעכע, אַ שוואַכע, ליגנדיק אָפֿט אויף דער קאַנאַפּע אין אונדזער לאַנגן, טונקעלן עסצימער, און אין שפּעטערדיקע יאָרן — אויפֿן לאַנגן האַמאַק אין דער ווילע פֿון מיין זיידן, ר׳ שמחה־בונם וואַרקער זצ״ל, אין אָטוואָצק. זי איז יאָרן לאַנג געווען קראַנק, תּמיד געהאַט אין הויז אַ ספּעציעלע פֿלעגערין און אָפֿט געפֿאָרן אויף קוראַציע אין אויסלאַנד.

זי איז אָפֿט מאָל געווען זייער איראָניש און זיך באַצויגן צו מענטשן מיט אַ היפּשער מאָס קריטיק; דערפֿאַר אָבער האָט זי פֿאַרמאָגט אַ סך וויץ און הומאָר און שטענדיק גרייט געהאַט אַ קלוג סאַרקאַסטיש ווערטל פֿאַר יעדן איינעם וואָס האָט ניט נושא חן געווען אין אירע אויגן.

מיט אַ באַזונדערער איראָניע פֿלעגט זי דערציילן וועגן די יידן אין גאַליציע, מיט וועלכע זי האָט זיך באַגעגנט אין די עסטרייכישע קורערטער, און שטאַרק קריטיקירט זייערע מנהגים. „די דאָרטיקע יידן" — פֿלעגט זי זאָגן — „האַלטן זיך פֿאַר גאַנצע „עסטראַכער"; זיי רעדן „דאַטש", די מענער פֿאַרקירצן זייערע סורדוטן און די ווייבער פֿאַרבייטן דאָס יידישע הייבל אויף אַ פּאַרוק".

האָט אַ צופֿאַל דווקא געוואָלט, אַז מיין מוטערס פֿלעגע־ריך, פֿריידל, איז גראַד געווען פֿון גאַליציע, און צוליב פֿריידלען

איז טאַקע אַ מאָל פאָרגעקומען אַ גרויסע אויפטרייסלונג אין אונדזער הויז. דאָס איז געווען אין אַ יום-כיפור-נאַכט, נאָך כל נדרי, ווען מיין פאָטער, באַגלייט פון זיין עלטסטן זון, זיינע ברידער, קרובים, מקורבים און סתם אַלטע ווארקער חסידים, איינגעהילט אין זייערע טליתים מיט די זילבערנע עטרות, זענען אַריינגעקומען פון גרויסן בית-המדרש אָפּרוען נאָך כל-נדרי און צוגרייטן זיך צו דער לאַנגער יום-כיפור-נאַכט, איז פריידל געשטאַנען אין קיך און זיך געוואַשן מיט זייף.

פון דעם דאָזיקן חילול הקודש אין אונדזער הויז געדענק איך בלויז מיין מוטערס איראָנישע באַמערקונג: „נו יאָ, אַ גאַליציאַנערין"... צומאָרגנס נאָך יום-כיפור האָט פריידל די פּלעגערין איינגעפּאַקט אירע זאַכן און פאַרלאָזט אונדזער הויז.

פאַרבליבן ביי מיין מוטער זי צו פלעגן איז איר עלטערע און ליבסטע שוועסטער „פייגעלע די צדיקת", ווי מען פלעגט זי רופן אין איר שטעטל קאָזשעניץ. מיין מומע פייגעלע פלעגט יעדעס יאָר אָנפילן דעם קעלער אין איר הויז מיט פלעשער מאַלינע-סאָק פאַר קראַנקע אָרעמע-לייט. מאַלינע-סאָק איז געווען אַ זיכער „שוויצמיטל", אַ רפואה בדוקה קעגן אַלערליי פאַרקילעכצן. האָט ווינטערצייט טאַקע יעדער פאַרקילטער אָרעמאַן אין קאָזשעניץ געקענט קריגן ביי פייגעלע די צדיקת אַ פלאַש גוטן מאַלינע-סאָק.

די מומע פייגעלע איז געווען זייער באַשיידן און עניוות-דיק. דער צאַרטער שמייכל אויף איר בלאַס געזיכט איז תמיד גרייט געווען מוחל צו זיין דער וועלט אַלע עוולות, אַפילו די גרויסע עוולות קעגן איר אייגן לעבן. דרייסיק יאָר — פון טאָג פון איר חופּה — האָט די מומע פייגעלע געוווינט צוזאַ-

מען מיט אירע שווער-און-שוויגער; די גאַנצע דרייסיק יאָר איז ניט זי געווען די באַלעבאָסטע פון איר הויז, נאָר איר אַלטע שוויגער, און דאָך האָט מען אין משך פון די אַלע יאָרן ניט געהערט קיין הויך וואָרט צווישן שנור-און-שוויגער...

פלעגט טאַקע די מומע פייגעלע אָפּט לאָזן איר מאַן און קינדער אין קאָזשעניץ און וואָכנלאַנג זיצן ביים בעט פון מיין קראַנקער מוטער, צו איר שמייכלען גוטמוטיק און איר דער-ציילן כלערליי מעשהלעך.

דאָס שטעטל מאַטשעוויץ, ווו מיר האָבן געוווינט עטלעכע יאָר, איז באַשטאַנען פון אַ קיילעכדיקן מאַרק מיט עטלעכע ענגע שמאָלע געסלעך און אַ גרויסן שליאַך, וואָס האָט געפירט צו די אַרומיקע גויישע דערפער, און האָט פאַרמאָגט אַ שול, אַ מקווה, צוויי דאָזאָרעס, אַ יידישן פּאָסט-טרעגער, עטלעכע מנינים יידן און — אַ טייך, די „דזשיקאַ". די ווייבער אין שטעטל פלעגן מיט שרעק דערציילן איינע דער אַנדערער, אַז די „דזשיקאַ" פאָדערט יעדעס יאָר אַ קרבן, יעדעס יאָר מוז דאָרט עמיצער דערטרונקען ווערן.

מיין מוטער, די גרויסשטאָטישע, רייכע טאָכטער, האָט פון תמיד אָן געהאַט אַן אַנטיפּאַטיע צו דעם שטעטל, אַן אַנטיפּאַטיע, וואָס האָט זיך גאָר פאַרשטאַרקט נאָך דעם ווי איר אייגן טעכטערל איז שיער ניט געוואָרן „דער קרבן" פון דער „דזשיקאַ". דאָס איז געווען אין אַ הייסן זומער פאַרנאַכט, ווען מיין מוטער האָט מיך געהאַט מיטגענומען צום טייך. קינד און קייט זענען געזעסן אין דער „דזשיקאַ" און מיט גרויס הנאה געבראָדעט און געפּלעסקעט אין וואַסער. יעדע ווײַלע האָט מיך מיין מוטער שטרענג געוואָרנט, איך זאָל זיך פעסט

אַנהאַלטן אין איר און ניט דערוועגן זי אָפּצולאָזן. וואָס עס איז שפּעטער געשען, ווייס איך ניט. איך געדענק בלויז, אַז ווען כ'האָב געעפנט די אויגן, האָב איך זיך געזען ליגן אויפן גראָז ביים טייך, אַרום מיר דאָס גאַנצע שטעטל צעטומלטע ווייבער און קינדער, און לעבן מיר — מיין טויט-דערשראָקענע מוטער מיטן פּוילישן דאָקטאָר... מער האָבן מיר זיך שוין אין דער „דזשיקאַ" ניט געבאָדן.

מיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַ רייך חסידיש הויז אין אַ פּויליש-דייטשער גרענעצשטאָט, פון די בענדינער אָרבאַכס, ווי מען פלעגט רופן די משפחה אין יענער גרענעץ-געגנט. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען מיינע בענדינער באָבע-זיידע, זענען זיי שוין געווען גאָר אַלט, פון אַמאָליקן רייכטום איז שוין לאַנג קיין סימן ניט געווען. פאַרבליבן איז דער באָבען בלויז איר שטאָלץ און חכמהדיק שווייגן, און דעם זיידן — זיין הומאָר און וויציקייט, פון וואָס די אייניקלעך פלעגן שטאַרק הנאה האָבן. איך געדענק איין מאָל אין אַ זומערדיקן שבת אין דער פרי, שפּאַנענדיק איבערן הויף פון אונדזער גרויסן בית-המדרש בעת דער הפסקה צווישן שחרית און מוסף, האָט ער מיך צוגערופן צו זיך און מיט אַ ברייטן, ליב-לעכן שמייכל פון הינטער זיינע גרויסע גאָלדענע שפּאַקולן, זיך כלומרשט פאַרנומען צו דער קעשענע פון זיין לאַנגער אַטלעס-סענער זשיפּיצע און ווי אַגב אורחא מיך אַ פרעג געטאָן: „נו, וואָס ווילסטו — אַ צענער אָדער אַ גולדן?". איך בין שטיין געבליבן צעטומלט, פאַרשראָקן און אויסגעשריגן: „שבת?!". איך האָב זיך אָבער גלייך געכאַפּט אויפן זיידנס שפּאַס, און מיר ביידע, דער אַכציק יאָריקער זקן און זיין קליינטשיק

אייניקל, האָבן זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאָכט, צופרידענע איינער מיטן אַנדערן.

מיין אַלטיטשקער, מיטלוווקסיקער און קאַרפּולענטער זיידע ר׳ פּנחס אַרבאַך, ווייס ווי אַ טויב, אַ ווייסקייט וואָס האָט זיך באַזונדער אָנגעזען אויפן הינטערגרונט פון זיין לאַנגער אַטלעסענער זשיפּיצע און דעם גרויסן שוואַרץ־סאַמעטענעם הוט, — איז אַלע זיינע יאָרן געווען דאַנקבאַר דעם רבונו־של־עולם פאַר דער גרויסער זכיה פון זיין מחותנימשאַפט מיטן באַרימטן וואַרקער הויף. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין יינגסטער טאָכטער ביילעלע, מיין מוטער, די וואַרקער עלטסטע שנור, און נאָך שטאָלצער אויף זיינע וואַרקער אייניקלעך — אַ נאָמען וואָס איז פאַרבליבן אונדזערע קינדער ביזן היינטיקן טאָג.

פון מיין מוטערס צאָלרייכער משפּחה פלעגט, אַ חוץ דער זיידע ר׳ פּנחס און די מומע פייגעלע, קומען צו אונדז זייער אָפט און אויף לאַנגע וואָכן אויך מיין מוטערס איינציקער ברודער ר׳ בונם סאָסנאָווצער, ווי מען פלעגט אים רופן. דעם פעטער בונמס גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן שטענדיק גע־שמייכלט, טייל מאָל איראָניש, טייל מאָל — וויציק־לוסטיק. ער איז געווען זייער שיין: הויך, שלאַנק און באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט זיין עלאַסטישן, כמעט טאַנצנדיקן גאַנג.

ווי אַן איינציקער זון צווישן זעקס טעכטער אין הויז, איז ער פון קינדווייז אָן געווען שטאַרק פאַרפּיעשטשעט, און האָט אַלע זיינע יאָרן, שוין זייענדיק אַפילו אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער, זיך קנאַפּ וואָס געקימערט וועגן טאָג־טעגלעכע באַ־דערפענישן. ער פלעגט מיינסטנס פּראַוון חסידות ביי זיין שוואָגער דעם רבין און געשמט פאַר אַ „זיידענעם יונגער־

מאַנטשיק״, מיט וועמען די חסידים האָבן זיך גערן געחברט און אים זייער ליב געהאַט.

די עיקר פּרנסה־געבערין אין פעטער בונמס הויז איז געווען זיין ווייב מרים. מיין מומע מרים האָט געמאַכט גרויסע האַנדלס־ און פינאַנץ־טראַנזאַקציעס אָן אַ באַנק און אָן באַנק־באַאַמטע... די געלט־טויש געשעפטן האָבן געבליט אין איר גרענעץ־שטאָט סאָסנאָוויץ, און די שווערסטע, פאַרפּלאָנטער־סטע טויש־רעכענונגען פלעגט זי שטענדיק פירן „אויפן קאָפּ״, אָן אַ פעדער אין האַנט.

זי איז געווען זייער קלוג און ענערגיש און געשמט פאַר אַ „לייטישע יידענע״. אויפן פאַרלאַנג פון מיין פאָטער איז די מומע מרים אַמאָל געפאָרן מיט מיינס אַ שוועסטערל, וואָס איז געווען דעמאָלט נאָך אָן ערנסטער קינדער־קראַנקייט, צו אַ פּראָפעסאָר אין בערלין. צוריקקומענדיק פון אויסלאַנד האָט די גאַנצע משפחה אַרומגערינגלט די מומע מרים און געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו הערן וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט. די מומע מרים אָבער איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, זיך איראָניש צעשמייכלט און געזאָגט: „דער פּראָפע־סאָר? — דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט ס׳איז גאָרנישט; ס׳איז אַ רביש עסק״...

אין שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מיין פאָטער איז שוין געווען רבי, האָט דער פעטער בונם געהאַט אין אונדזער הויף באַזונ־דערע וויכטיקע אויפגאַבעס, צווישן זיי אויך — „אויסצושפּיאָ־נירן״ וועגן די שידוכים, וואָס מען פלעגט מיין פאָטער פאַר־שלאָגן פאַר זיינע דעמאָלט נאָך גאָר יונגעטשקע טעכטערלעך. מיין פאָטער האָט זיך זייער געגרייסט מיט זיינע קינדער און אויף די אומצאָליקע שידוכים־פאַרשלאָגן מיט גרויסע רבישע

הייף, אָדער באַרימטע גבירישע הייזער אין דעמאָלטיקן פּוילן, האָט ער אַ מאָל געזאָגט: „וואָס פּאַר אַ שידוך איך זאָל ניט טאָן מיט מיין טאָכטער, וועל איך מיך אַלץ אָפּנאַרן"...

איז דער פעטער בונם געווען דער געטרייער „געהיימער שליח" צו ברענגען די ערשטע ידיעות וועגן „קאַנדידאַט" צו ווערן דעם רבינס איידעם; האָט טאַקע אַ מאָל געטראָפן, אַז דער פעטער בונם איז שטאַרק נכשל געוואָרן אין זיין שליחות.

ומעשה שהיה כך היה: אַ שווין „כמעט" זיכערער קאַנ-דידאַט אויף צו ווערן דער איידעם אין אָטוואָצקער הויף, אַ בחורל פון אַ יאָר זעכצן-זיבעצן, אַ נאָענטער קרוב פון אַ באַרימטן רבין אין פּוילן — איז עפּעס נאָך אַ שטאַרק פאַרקי-לעכן געקומען אויף דערהאָלונג אין איינעם פון די גרויסע, רייכע פּענסיאָנאַטן אין אָטוואָצק. מיין פאָטער, אין זיין שטענ-דיקער באַזאָרגעוודיקייט וועגן געזונט פון זיינע קינדער, האָט באַלד באַפוילן דעם פעטער בונם אַריינצופאָרן אַלס „גאַסט" אין יענעם פּענסיאָנאַט, כדי צו קענען פון דער נאָענט דער-גיין, צי דאָס „פּענסיאָנאַט-זיצן" פון דעם וועלנטועלן חתן איז טאַקע נישט מער ווי אַ פּשוטע דערהאָלונג נאָך אַ פּשוטן פאַרקילעכץ...

מיט גרוים מי און אַ סך המצאות איז מיין פעטער בונם געלונגען זיך „איינצוקוואַרטירן" אַ טיר-לעבן-אַ-טיר מיט דעם יונגן בחורל, און נאָך עטלעכע טעג נהנה זיין פון דער קולי-נאַרער קונסט פון דעם באַרימטן אָטוואָצקער פּענסיאָנאַט אין יענע יאָרן, האָט ער אויסגעפונען, אַז אויפן נאַכט-טישל לעבן בעט פון דעם חתן-בחורל זענען געשטאַנען עטלעכע קליינע פלעשלעך מיט רפואות פאַרשריבן פון אַ גרויסן דאָק-טאָר אין וואַרשע...

נאָך אײדער מײן פֿאָטער האָט באַװיזן זיך צו אַנטשליסן װעגן דאָזיקן ערנסטן ענין, האָט שױן דער צד שכנגד זיך געהאַט דערװוּסט פֿון דער גאַנצער „שפּיאָנאַזש־אַפֿערע”, זיך גאָר שטאַרק באַלײדיקט און מער ניט געװאָלט הערן פֿונעם שידוך מיטן „װאָרקער אײניקל”...

צווייטער קאפיטל

## די ווארקער דינאסטיע

דער „אלטער ווארקער". — זיין צדקות און עניוות. — דער „מיטעלער ווארקער". — זיין תשוקה צו ביאת הגואל. — ר' שמחה בונם ווארקער, דער „רבי פון ארץ־ישראל". — זיין אסקעטישער דרך.

.2

דער יחוסדיקער אָפּשטאַם פון די „וואָרקער אייניקלעך" האָט זיך געצויגן פון ר' יצחק וואָרקער, דער „שוואַרצער יצחק", ווי מען פלעגט אים רופן אין הויף פונם רבי ר' בונם אין פשיסעכע.

די מעשה פאַרוואָס ר' יצחק וואָרקער איז געווען אַ שוואַרצער פלעגט אונדז די באָבע גאָלדעלע, מיין פאָטערס מוטער, דערקלערן אַזוי: איינער פון ר' יצחק ווארקערס אור-אור-עלטערן, דער „בעל לבושים", איז געווען זייער אַ שיינער מאַנצביל. איין מאָל, גייענדיק אין גאַס, האָט אים דערזען אַ יונגע גויע, די פריצטע פון יענער געגנט. זי האָט ניט אָפּגע-לאָזט פון אים, אים כסדר נאָכגעגאַנגען, ביז — ער איז אַריינ-געלאָפן אין אַ הויז, אַרויף אויפן דאַך און אַרום דורכן קוימען פאַרסאַזשעט פון קאָפּ ביז פיס. אַהיימקומענדיק האָט ער לאַנג געוואַשן פון זיך די סאַזשע און אויסגערופן: „רבונו-של-עולם, איך בעט דיך, אַז אַלע מיינע דורות זאָלן זיין שוואַרץ"... און דעריבער — האָט מיין באָבע אונדז פאַרזיכערט — זענען אַלע אין אונדזער משפּחה ברונעטע.

מיין אור-אור-עלטער-זיידע ר' יצחק וואָרקער האָט גע-שמט פאַר אַ גרויסן עניו און מזג-טוב, און אהבת-ישראל איז פאַרבליבן דער דעוויז פון וואָרקער חסידות אין אַלע שפּע-טערדיקע דורות. חסידים פלעגן דערציילן אַ סך קוריאָזן אין צוזאַמענהאַנג מיט ר' יצחק וואָרקערס צידקות און עניוות.

כל ימי חייו איז ער אַרומגעפאָרן איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך וועגן פאַרשיידענע שתדלנותן פאַר יידן: ביי רעגירונגס-אינסטאַנצן צו באַפרייען אַ ייד פון תפיסה; ביי יידישע קהילות אָפּצוראַטעווען אַ ייד פון אַ מסירה, העלפן אַן עגונה אויסגעפונען איר מאַן, און סתם העלפן אַ ייד אין אַן עת-צרה.

זיין צידקות און עניוות האָבן משפיע געווען אַפילו אויף דעם באַרימטן קנאי און פאַרברענטן מתנגד ר׳ עזריאל מאיר גראַדשטיין פון לובלין.

ר׳ עזריאל מאיר איז געווען אַ גרויסער למדן און ירא-שמים, אָבער אַ גרויסער כעסן און אַ מוראַדיקער קפּדן. זיינע בני-בית פלעגן ממש ציטערן פאַר זיין קוק. אין אַ שיינעם פרי-מאָרגן האָט ביי אים פּאַסירט אַן אויסטערלישע זאַך: זיין איידעם ר׳ לייבעלע אייגער זצ״ל, איז געוואָרן אַ חסיד און — „בגניבה״ אַוועק צום קאָצקער רבין.

ביי ר׳ עזריאל מאירן אין הויז האָט זיך ממש געטאָן חושך. ער האָט געקערט וועלטן. עס האָבן ניט געהאָלפן די תחנונים פון זיין משפחה און ניט די ביטערע טרערן פון זיין אייגענער טאָכטער: ער האָט געאַסרט דעם איידעם, דעם „כת׳ניק״ — ווי מתנגדים האָבן אין יענע יאָרן גערופן די חסידים — דריסת-הרגל אין זיין הויז און אים באַפוילן תיכף ומיד אָפּצוגטן ס׳ווייב.

דער יונגער ר׳ לייבעלע אייגער איז געבליבן אַ צייט לאַנג אין קאָצק פאַרדאַגהט און אָן אַ פּרוטה אין טאַש ביז ער האָט זיך אָנטשלאָסן צוריקצופאָרן קיין לובלין, ויהא מה. אַריינקומענדיק אין שווערס הויז איז ער שטילינקערהייט, קיינער זאָל אים ניט באַמערקן, אַריין אין זיין צימער.

פלוצעם אָבער האָט ר׳ עזריאל מאיר דערזען דעם אײדעם, שנעל צוגעלאָפן, אָנגעכאַפּט אים און געוואָלט אים אַרויס־וואַרפן דורכן פענצטער פון צווייטן שטאָק... אויף די געש־רייען און געוואַלטן פון ר׳ לייבעלעס ווייב און שוויגער, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן און אַרויסגעפירט ר׳ לייבעלען פון שטוב.

ר׳ יצחק ווארקער דערוויסנדיק זיך פון דער מעשה נורא, איז תיכף אַוועק קיין לובלין, געזעסן דאָרט לאַנגע וואָכן און ניט אָפּגעטראָטן פון ר׳ עזריאל מאירס הויז, ביז ער האָט גע־פועלט ביים מתנגדישן קנאי, ער זאָל מבטל מאַכן דעם גזר פון אָפּגטן זיין טאָכטער.

חסידים פלעגן זיך אויך דערציילן אַ זייער כאַראַקטע־ריסטישע מעשה וועגן ר׳ יצחק ווארקער: איין מאָל אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, קומענדיק אין דער פוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע לטובת אַ יידישן ענין, האָט זיך אים שפּעט ביי נאַכט, ליגנדיק אויפן געלעגער אין זיין אַכסניה, שטאַרק פאַרוואָלט אַ שמעק טאַבעק. אין צימער איז געווען ביטער קאַלט און ער האָט אין גאַנצן געציטערט. איז ר׳ יצחק ווארקער געלעגן אין בעט און איינגעטענהט מיט זיך: „עס ווילט זיך זייער שטאַרק אַ שמעק טאַבעק, זייער שטאַרק. אויפשטיין און צוגיין נעמען דעם טאַבעק, הייסט עס דאָך נאָכגעבן דער תאווה... ניט צוגיין — עצלות״. און ער האָט באַ־שלאָסן: „איך וועל טאַקע יאָ צוגיין צום טיש און — דעם שמעק טאַבעק ניט נעמען״. און כך הווה, ער איז אויפגע־שטאַנען אין דער ביטערער קעלט, צוגעגאַנגען ביז צום טיש און — דעם שמעק טאַבעק ניט גענומען.

אין היפך צו אים איז די באָבע רחל, ר׳ יצחק וואַרקערס

װײַב, געװען אַ שטרענגע, שװײַגנדיקע ײדענע, װאָס האָט זיך אָפֿט געבײזערט און געהאַט טענות צו איר מאַן פֿאַר זײַן אומבאַגרענעצטער גוטסקייט און אָפּפערוויליקײט; באַזונדערס פֿלעגט זי זיך בײזערן פֿאַר זײַן מילדקייט און נאָכגיביקייט צו זײערע צװײ זין — מענדעלע (שפּעטער דער מיטעלער װאָרקער) און דודל (דער אַמשינאָװער רבי), — בײדע נאָך יונגע ײנגלעך קונדסים, װאָס פֿון זײ איז געװען ניט װײניק אויסצושטײן אין שטוב. פֿלעגט זיך די באָבע רחל פֿאַרקלאָגן אויף אירע קינדער און צום מײנסטן טאַקע אויף מענדעלען.
„עס איז ניט אויסצוהאַלטן פֿון דײַן מענדלען" — איז זי אײן מאָל אַרײַן צו איר מאַן מיט אַ געבײזער. ר׳ יצחק װאָרקער איז געבליבן שטײן אין מיטן צימער, זיך גוטמוטיק צע־שמײכלט און גאַנץ געלאַסן איר געענטפֿערט: „נו, גוט, מיר׳ן זיך אײנטײלן מיטן עולם־הבא — מענדעלע פֿאַר מיר, דודל פֿאַר דיר, גוט?" מיטן דאָזיקן צוזאָג אויף עולם־הבא איז מײַן באָבע רחל אַרויס אַ באַרויקטע פֿון איר מאַנס צימער.

חסידים פֿלעגן זאָגן, אַז די גוטסקייט פֿון ר׳ יצחק װאָר־קער איז אים געקומען בירושה; שוין זײַן פֿאָטער, אַ פּשוטער ערלעכער ײד, האָט מען גערופֿן ר׳ שמעון בעל רחמנות.

מײַן עלטער־זײדע, ר׳ מענדל װאָרקער, דער „מיטעלער װאָרקער", װי מען האָט אים גערופֿן אין דער חסידישער װעלט, איז געװען אַ יפֿה־תּואר, די העכסטע און גראַציעזעסטע געשטאַלט צװישן זײַנע צענדליקער טויזנטער חסידים. מײַן פֿאָטער פֿלעגט אין די װינטער־נעכט שטײן שעהן לאַנג בײַם קאָכעדיקן קאַכל־אויװן אין אונדזער עסצימער און זיך צוהערן צו די פֿאַרשײדענע מעשׂיות, װאָס זײַן מאַמע, מײַן באָבע גאָל־

דעלע, זיצנדיק לעבן אים אויף אַ גרויסן ווייכן פֿאַטעל, האָט דערציילט וועגן איר באַרימטן שווער, דעם מיטעלן וואַרקער, באַזונדערס וועגן זיין אויסערגעוויינלעכער ציכטיקייט, וואָס האָט ממש געגרענעצט מיט עלעגאַנץ. יעדן פֿרייטיק פֿאַר נאַכט פֿלעגט ער פֿאָרן שפּאַצירן אין אַ קאַטש געשפּאַנט אין צוויי פּאָר פֿערד נאַשפּיץ. זיינע ווייסע זאָקן פֿלעגן באַשמירט ווערן מיט חלבנע ליכט, כדי אַרויסצובאַקומען דעם געהעריקן גלאַנץ. זיין גאַנצער אויסזען און באַנעמונג איז געווען פֿון אַן אַריסטאָקראַטישער גרויסער פּערזענלעכקייט.

מיט אַ באַזונדערער פּיעטעט האָט די באָבע גאָלדעלע דערציילט פֿון דער אומגעהויערער פֿריינדשאַפֿט וואָס האָט אַלע יאָרן געהערשט צווישן דעם אַלטן גערער (דער חידושי הרי״מ) און דעם מיטעלן וואָרקער.

דער חידושי הרי״מ איז נפֿטר געוואָרן אין אַ ווינטערדיקן שבת פֿאַר נאַכט. אין וואַרקער הויף האָט מען אַ גאַנצן שבת געוואַרט אויף אַ ידיעה, געוואַרט אויף די ערשטע דריי שטערן צו קאָנען שיקן אַ שליח קיין גער געוואָר צו ווערן... און אַ מרה שחורה איז געווען אין וואָרקע. ר׳ מענדל איז יענעם שבת נאָך מיטאָג געזעסן פֿאַרמאַכט אין זיין צימער, קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. חסידים האָבן זיך געדרייט איבערן גרויסן הויף פֿאַרעצבעט, פֿאַריתומט.

פּלוצעם, שוין צו בין־השמשות צו, האָט זיך אַ פּראַל אויפֿגעטאָן די טיר, דער מיטעלער וואָרקער איז אַרויס פֿון זיין צימער, אַ שפּאַן געטאָן צום פֿענצטער פֿון דער לאַנגער חסידים־שטוב, שטיין געבליבן מיטן רוקן צום עולם און האַסטיק אַ זאָג געטאָן: „אַ־וואַ, אַ שאַד! און איך האָב געמיינט, אַז מיר ביידע וועלן ברענגען משיחן — און עס וואָלט דאָך טאַקע

גלייך געווען, ער דער אַלטער רבי, און איך דער יונגער!".

ר' מענדל וואָרקער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון ניין און פערציק יאָר. חסידים האָבן דערציילט, אַז ער איז אַוועק פון דער וועלט פון אַן איבערמענטשלעכער תשוקה צו אַן אומדערגרייכבאַרן ציל — אַ תשוקה צו ביאת-הגואל. לויט דער יראת-הכבודיקער שילדערונג פון מיין באָבע גאָלדעלע, איז איר שווער געווען די פאַרקערפּערונג פון מענטשלעכער שלימות.

דעם זיידן ר' שמחה-בונם, דער נאָכפאָלגער פון מיטעלן וואָרקער, האָבן זיינע אייניקלעך ניט געהאַט געזען ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ-ישראל.

פון דעם אַלעמען וואָס איך האָב זיך וועגן אים אָנגעהערט אין דער היים, איז אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע אַנטשטאַ-נען אַ בילד פון אַ מיטאָלאָגישער געשטאַלט, וואָס געפינט זיך אויף אַ הויכן טורעם, אין מיטן פון אַן אייז-פּאַלאַץ, פון וועלכן עס גייען אַרויס פון מאָל צו מאָל „שטאַפעטן" מיט כלערליי באַפעלן — באַפעלן פאַר זיין ווייב און קינדער, פאַר דער גאַנצער משפחה און פאַר גאָר דער וועלט.

יאָרן-לאַנג איז מיין זיידע געווען אָפּגעשיידט פון זיין ווייב און קינדער, ער האָט געהאַט פאַרלאָזט דעם אַלטן וואָרקער הויף, אַוועק אין זיין ווילע אין מיטן די אַטוואָצקער געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף מיילן-ווייט ביז צו דער סאַמע הויפּשטאָט פון פּוילן, און פאַרבליבן דאָרט אַליין מיט זיינע שמשים, מקורבים און חסידים ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ-ישראל. קיין שום „פרעמדער", אַפילו ניט זיין ווייב און קינדער, האָבן ניט געטאָרט איבערטרעטן די

שוועל פון זיידנס ווילנע אָן זיין ספּעציעלער דערלויבעניש. אויף די מקורבימס טענה: וואָס וועט זאָגן די וועלט? האָט ר׳ שמחה בונם וואָרקער אויסגערופן: „די וועלט?, ווער איז די וועלט? איך בין די וועלט!״.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען פּוילישע יידן זענען געשטאַנען אין דער ריי צו קריגן אַביסל לעבנס-מיטל, פלעגן אַלטע וואָרקער חסידים אין אונדזער הויף זיך וויצלען: „אויך מיר אַ נייס! חסידים לאַכן דערפון, ער׳, זכרונו לברכה, האָט איינגעפירט צו שטיין אין דער ריי נאָך פּ אַ ר זיי״. און זיי פלעגן דערציילן, ווי הונדערטער חסידים, צונויפפאָרנדיק זיך פון אַלע עקן פּוילן אין זיידנס ווילנע, פלעגן יום-טוב ביי נאַכט נאָכן דאַווענען שטיין שעהן לאַנג אין דער ריי אויף „שלום נעמען״ ביי זייער רבין. די ריי האָט זיך געצויגן איבער דער לאַנגער שמשים-שטוב, דורכן גרויסן בית-המדרש ביז ווייט אַרויס איבערן גאַנצן הויף. איז דעם זיידנס יינגסטער זון, ר׳ דודל, אַ לאַנגער, דאַרער, טובערקולאָזער יונגערמאַן ביי שווער און שוויגער אויף קעסט, געקומען אַ מאָל אויף יום-טוב און באַלד נאָך מעריב אַוועק שלום נעמען ביי זיין טאַטן. מיין זיידע, ניט האָבנדיק געזען זיין שוואַכן זון וואַכן לאַנג, האָט אויפגעהויבן זיינע לאַנגע ברעמען, אים שאַרף אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: „עס שטייען יידן און וואַרטן פּ אַ ר דיר״... און דער שוואַכינקער דודל איז אַוועק אויף שעהן לאַנג וואַרטן אין דער ריי אויף שלום נעמען ביי זיין טאַטן.

דאָס גרויסע צווישטאָקיגע הויז אין זיידנס ווילנע איז געווען איינגעטיילט אין מילכיקע און פליישיקע שטובן; אין פּסחדיקע און חמצדיקע דירות. אין כּאַלאַט, וואָס ער האָט

געטראָגן בעת אַ פלײשיקער סעודה, האָט ער ניט געגעסן קײן מילכיקס. פלעגן „גערער לצים", װי מען האָט בײ אונדז גערופן די גערער חסידים, ליצנות מאַכן און זאָגן: „דער װאָרקער, אַז ער לערנט הילכות בשר וחלב, װאַרט ער זעקס שעה בין דיני בשר לדיני חלב"...

פון זײן גרױסער אײנזאַמער װיליע פלעגט דער זײדע שיקן שטאַפּעטן צו זײן װײב און קינדער, װאָס זענען פאַר־בליבן װױנען אין אַלטן הױף אין װאָרקע. די שטאַפּעטן פלעגן פירן קײן װאָרקע קלײדונג פאַר די פרױען און שטרענגע באַפעלן, מען זאָל אים פאָלגן. די דאָזיקע באַפעלן האָבן זיך מײנסטנס באַצױגן אױף די װײבערשע בגדים; זײ זענען אױפגענײט געװאָרן אין זײדנס װיליע גופא, דורך אַ ספּעציעלן שנײדער, אונטער דער פּערזענלעכער השגחה פון זײדן. באַשטאַנען איז די דאָזיקע װײבערשע הלבשה פון שװאַרצע אָדער רױטע אַטלעסענע אָדער זײדענע טולעפּלעך. די שװאַרצע פאַר דערװאַקסענע, די רױטע — פאַר קלײנװאַרג.

די קאָפּ־באַדעקונג פון די פרױען איז געװען ניט װײני־קער גראַטעסק: אַ הײבל אָדער אַ שלײער, װי מען פלעגט עס רופן, פון גאָלד־ אָדער זילבער־געװעב, פאַרענדיקט מיט אַ „קאָזיראָק" איבערן שטערן און אױסגעזױמט מיט טײערע שטײנער און פּערל. די װערט פון אַזאַ שלײער האָט מען געשאַצט אױף שײנע הונדערטער רובל.

די פענסיע פאַר זײן װײב און קינדער פלעגט דער זײדע שיקן דורך אַ ספּעציעלן שליח, אַ חסיד, אַ מקורב. אײן מאָל האָט ער אָבער באַמערקט, אַז דער מקורב לײגט אַרײן דאָס געלט אין טאַש ניט איבערצײלנדיק עס פריער. ער האָט אים תיכף צוגערופן צו זיך, צוריקגענומען דאָס געלט און אים

געזאָגט: „דער וואָס נעמט געלט אומגעציילט, איז ניט קיין באַגלייבטער שליח". און מער ניט געשיקט דורך אים די פּענסיע קיין ווארקע.

מיין זיידנס לעבנס-באַנעם און לעבנס-שטייגער האָבן אוודאי אַ סך געהאַט צו טאָן מיט זיינע שטענדיקע פּיזישע ליידן. ער איז געבוירן געוואָרן אַ בעל-מום, געהאַט אַן אויסגעקרומטן פוס, און שפּעטער געזעסן אין אַ ספּעציעל קאָנסטרוירטן שטול, דער פוס איינגעשרויפט אין אַפּאַראַטן, וואָס האָבן באַדאַרפט צוריק אויסגלייכן די אויסגעקרומטע ביינער.

דער באַרימטער יידיש-פּוילישער סקולפּטאָר קונאַ, אַ געוועזענער שאַרפער ווארקער חסיד און דערנאָך אַ משומד און אַ גרויסער קינסטלער, האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער דערציילט אונדזערן אַ פריינד, משה מאַנדל פון לאָדזש, אַז בעת ער, קונאַ, האָט געשאַפן זיין באַרימטע אַסקעטישע פיגור האָט אים די געשטאַלט פון מיין זיידן געדינט ווי אַ מאָדעל.

דריטער קאפיטל

## די באבע גאלדעלע און איר משפחה

עלעגאנץ און מאדישקייט. — דער ריס אין איר פאמיליע־לעבן. — ר׳ אליהו הערץ און זיין ווייב שרהלע די חכמה. — די מומע איידעלע און איר מאן ר׳ ברוך קלעפפיש. — די מומע איטעלע און איר אמביציעזער מאן ר׳ נחמיה ווארקער.

.3

די באבע גאָלדעלע, ר׳ שמחה בונמס ווייב, איז געווען דער היפּך פון איר מאַן. זי האָט ליב געהאַט עלעגאַנץ, געווען אַ גרויסע מבינטע אויף מאָדישקייט און פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם חוש פאַר שיינקייט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זי איז געווען די עקרת-הבית פון אונדזער היים אין אָטוואָצק, פלעגט זי אירע „שלייערס״ באַשטעלן אין וואַרשע ביי אַ ספּעציעלער פוצערקע, גענוי לויט אירע אייגענע מאָדעלן, און ניט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז די שלייערס זענען געשיקט געוואָרן אַהין און צוריק — פון וואַרשע קיין אָטוואָצק און פון אָטוואָצק קיין וואַרשע — אויב די סטענגעלעך און שפּיצעלעך און פריזקעלעך זענען ניט געווען גענוי אַזוי ווי זי האָט געוואָלט.

זי איז אָבער פון דער נאַטור אויס געווען אומבאַהערשט, זייער עמפּינדלעך און געזען אַ פּחיתת-הכבוד אין יעדער זאַך, וואָס איז ניט געווען אין גאַנצן לויט איר ווונש אָדער געשמאַק. פלעגט טאַקע תמיד מיין פאָטער זיין איר באַרויקער, סיי אין איר באַרעכטיקטן סיי אין איר אומבאַרעכטיקטן אויפברויז.

באַזונדערס אומרויִק און פאַרזאָרגט פלעגט די באבע זיין אין די טעג פון די ימים-נוראים. פאַרזאָרגט — אויסצובעטן אַ גוט יאָר פאַר אירע קינדער, קינדס-קינדער און פאַר דער גאַנצער משפּחה; אומרויִק — צוליב דעם ימים-נוראימדיקן דאַווענען. די באבע האָט שטענדיק מורא געהאַט, טאָמער

וועט זי, חס־ושלום, ניט גענוג מקפּיד זיין אַרויסצורעדן די תּפילות ווי געהעריק; פלעגט טאָקע יעדן שבת און יום־טוב, און בעיקר ראש־השנה און יום־כּיפּור, שטיין לעבן איר אַן אייניקל שעהן לאַנג אין אונדזער שמשים־שטוב, וואָס האָט געדינט ווי אַ ווייבערשול, און איר העלפן אין איר חיתוך־הדיבור. און ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז זי האָט „איבער־געדאַוונט" פון דאָס ניי דעם „מפּני חטאינו" אָדער דעם „ונתנה תוקף" — ביז זי איז אַרויס בשלום...

מיין באָבע גאָלדעלע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן וואַרשעווער גביר, ר׳ אליהו הערץ, אַן אַלטער אָנגעזעענער וואַרקער חסיד, אַ ייד אַ למדן און אין גאַנצן אָפּגעטאָן פון מילי דעלמא. זיינע גרויסע געשעפטן זענען געפירט געוואָרן דורך „מענטשן"; זענען זיי געפירט געוואָרן אַזוי לאַנג ביז — ביז זיי זענען דערפירט געוואָרן צו אַ מיאוסן באַנקראָט. פלעגט שפּעטער מיין עלטער־זיידע זיצן טאָג און נאַכט און לערנען און הנאה האָבן פון דער אומענדלעכער מנוחה אויף גאָטס וועלט.

מיין עלטער באָבע שרהלע, ר׳ אליהו הערץ׳ס ווייב, איז געווען אַ קליינע, דיקלעכע יידענע, האָט געטראָגן אַ הויכע קופּקע אויפן קאָפּ און איז געזעסן שטענדיק אַ ריינע, ציכטיקע, איינגעהילט אין אַ לאַנגן שוואַרצן שאַל. זי האָט געשמט פאַר אַ גרויסע חכמה. זי פלעגט אָפּט און מיט אַ סך הומאָר דערציילן, אַז איר שוויגער קו־מענדיק זי „אָנקוקן" פאַר איר זון, האָט מיטגעבראַכט אַ גרויסן פאַרפלאָנטערטן קנויל ביינוול, אים איר דערלאַנגט אויפצופלאָנטערן זאָגנדיק איר: „מיין קינד, זאָלסט וויסן, אַז צו אַ מאַן באַדאַרף מען האָבן אַ סך געדולד, זייער אַ סך

געדולד"... דאָס אויפפלאַנטערן דעם קנויל ביינוול האָט געזאָלט זיין אַ מין „עקזאַמען" פאַר דער צוועלף־יאָריקער כלהס גע־דולדיקייט.

פאַרן מיאוסן באַנקראָט האָט ר׳ אליהו הערץ נאָך באַוויזן צו טאָן גאָר שיינע שידוכים מיט זיינע טעכטער. און דער רעקאָרד האָט געשלאָגן טאַקע דער שידוך פון מיין באבע גאָלדעלע מיטן אַלטן ווארקער הויף, אַ שידוך וואָס איז ניט עולה־יפה געווען. מיין באבע פלעגט דערציילן, אַז איינער פון זיידנס מקורבים און „טישזיצערס" האָט אַ מאָל געוואָגט אים צו פרעגן הלמאי ער גט זיך ניט מיט זיין ווייב. דערויף האָט דער זיידע געלאַסן און פאַרטראַכט געענטפערט: „איך וואָלט עס געטאָן, ווען איך וואָלט געקאָנט וויסן ווער עס וועט אַ מאָל זיין דער ברודער פון מיין מענדעלע" (זיין עלטסטער זון)...

מענדעלע, מיין פאָטער, איז שוין פון קינדוויז אָן געווען פאַר מיין זיידן ניט נאָר זיין בכור, נאָר אויך זיין אויסדערוויל־טער זון — אַ קאָמפּענסאַציע פאַר ניט־דערפילטע האָפענונגען און אַנטוישטע שטרעבונגען. אָבער מחמת זיין אומברחמנות־דיקער אויסגעהאַלטנקייט צו זיין אייגענעם איך, האָט אויך זיין באַציונג צום זון, דער עיקר־העיקרים פון ר׳ שמחה־בונם וואָרקערס עמאָציאָנעל לעבן, אָנגענומען אויסטערלישע פאָרמען און דערפירט צו ערנסטע ריסן אין זיין פאַמיליע שוין אין זיינע גאָר פריסטע יאָרן. אַז זיין מענדעלע איז אַלט געוואָרן איין יאָר האָט מיין זיידע שטרענג און קאַטעגאָריש געפאָדערט פון דער באָבען, זי זאָל תיכף אַנטווינען דאָס קינד פון דעם אָס. זיין בכור וועט ניט זייגן לענגער ווי ס׳איז אומבאַ־דינגט נייטיק, איין יאָר צייט. אין יענע יאָרן, ווען קינדער

פלעגן אַנטוויינט ווערן ערשט צו צוויי יאָר און מער, איז די דאָזיקע פאָדערונג פון מיין זיידן פאַרגעקומען ווי אַן עקשנות־דיקע טיראַניי אין די אויגן פון זיין ווייב, די פאַרציטערטע יידישע מאַמע, וואָס האָט לאַנג געוואַרט אויף איר ערשט־געבוירענעם, און אויך אין די אויגן פון איר סביבה. מיין באָבע האָט ממש געציטערט, אַז דאָס פּרי אַנטוויינען וועט חלילה פאַרשאַטן דעם קינד, און האָט אויף קיין פאַל ניט מסכים געווען מיט דער פאָדערונג פון איר מאַן.

„איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט דאָס קינד אַזוי פרי אַנטוויינען" — פלעגט מיין באָבע זאָגן מיט אַ ציטערדיקער שטים, בעת זי האָט אונדז דערציילט וועגן דאָזיקן אויסטער־לישן פאַל. „איז איין מאָל אין אַ פראָסטיקן פאַרטאָג, האָב איך מיך אַ כאַפּ אויפגעטאָן פון שלאָף פאַרשראָקן, לעבן מיין בעט איז געשטאַנען דעם קינדס אַם און שטיל, וויינענדיק געשעפּ־טשעט: ‚רביצין, רביצין — דאָס קינד, ס׳קינד׳... איך בין אַ שפּרונג געטאָן פון געלעגער, אַריין צו אים אין צימער; ער, זכרונו לברכה" — פלעגט די באָבע שווין מיט אַ מילדן שמייכל שילדערן יענעם מאָמענט — „איז געזעסן ביים טיש, געריי־כערט דעם לאַנגן ליולקע־ציבעך און מיר בלויז געענטפערט: ‚כ׳האָב אַוועקגעשיקט מענדעלען צו אַנטוויינען"".

לויטן באַפעל פון זיידן האָט קיינער אין הויז ניט גע־טאָרט זאָגן דער באבען וווּ איר קינד געפינט זיך. זי האָט אָבער געהאַט אַ חשד אויף אַ קרעטשמער אין אַ נאָענטן דאָרף, דעם זיידנס אַ מקורב, און זי האָט זיך תיכף געלאָזט לויפן אַהין — אין אונטערקלייד און אין שטעקשיך. אַז זי איז אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, זענען טיר און פענצטער פון דער קרעטשמע נאָך געווען פאַרמאַכט און מען האָט זי ניט אַריינגעלאָזט. זי האָט

האסטיק געקלאפט אין טיר, דער קרעטשמער איז ארויס פון הויז צעטומלט, דערשראקן און אנגעהויבן זי בארויקן: „רבי־ צין, רביצין, זייט רויק, דעם קינד איז אל דאס גוטס"... מיין באבע האט אבער ניט אפגעטראטן פון דער טיר. פלוצעם האט די קרעטשמערקע א פנים רחמנות געקראגן און געעפנט א קליין לופטשיקל פון פענצטער, צוגעטראגן א קינד אויף דער האנט און ארויסגעשריגן: „אט, רביצין, זעט, דעם קינד איז אל דאס גוטס!".

„דאס קינד, וואס זי האט מיר געוויזן דורכן פענצטער" — פלעגט די באבע פארענדיקן די אויסטערלישע מעשה, — „דאס קינד איז ניט געווען מיינס", און זי האט שטיל, ווי צו זיך אליין, געשעפטשעט: „יענץ קינד, דאס קינד וואס זי האט מיר געוויזן, האט ניט אויסגעלעבט ס'יאר"...

אין די שפעטערדיקע יארן פלעגט די באבע, א פנים זוכנדיק דעם באשייד פאר דעם ניט־שלום־בית צווישן איר און איר מאן, דעם בארימטן ווארקער רבין, — דערציילן אויך פון בעסערע צייטן אין איר משפחה־לעבן. די ראדיקאלע ענדערונג אין די באציונגען צווישן דעם זיידן און איר, פלעגט זי זאגן, איז געקומען שפעטער, נאכן טויט פון זייער ערשט־ געבוירענער טאכטער, רחלע. „נאך רחלעס טויט", פלעגט די באבע טרויעריק דערציילן, „איז ער, זכרונו לברכה, געווארן גאר אן אנדערער מענטש, גאר אן אנדערער".

זיין ערשטע און עלטסטע טאכטער רחלע האט דער זיידע אויסטערליש ליב געהאט. נאך ווי א פיצל קינד, האט זי געמוזט זיצן ביי זיינע מאלצייטן, וואס ער פלעגט גע־ וויינטלעך עסן איין מאל אין מעת־לעת, און אפט מאל שפעט ביינאכט. לויט דער באבן, איז רחלע געווען די פארקערפע־

רונג פון אַלעם פולקומענעם אויף דער ערד. אין רחלען האָט דער זיידע פאַרגעסן זיינע פיזיש ליידן און זיינע ביטערע לעבנס-אַנטוישונגען. און רחלע איז געשטאָרבן אין עלטער פון זעכצן יאָר.

טראָץ דעם רים אינם פאַמיליע-לעבן פון מיין באָבע-זיידע, זענען די באַציונגען צווישן זייערע משפחות געבליבן אַלע יאָרן גאָר הארציקע. ר׳ אליהו הערץ, דעם זיידנס שוער, פלעגט קומען אויף אַלע ימים-טובים צו זיין איידעם, דעם רבין, זיצן ביי זיין טיש, געהאַט אַ באַזונדער צימער אין דער ווילע און אַן אייגענעם משמש — אַ בית-המדרש-בחורל. דער באָבעס עלטערע שוועסטער, די מומע איידעלע, פלעגט אפילו צייטנווייז זיין די פאַרמיטלעריןביים אויסגלייכן די חלוקי-דעות צווישן איר שוואָגער, דעם וואָרקער רבין, און זיין ווייב.

די מומע איידעלע איז געווען דער היפך פון מיין באָבען: אַ רויקע, אַ געלאַסענע, אַ זעלבסטזיכערע, און שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. זי איז געווען דער „קאָפּ פון איר שטוב", אויף פרעטא-גאַס אין וואַרשע, אויפגעהאָדעוועט אירע קינדער בכבוד, געטאָן מיט זיי לייטישע שידוכים און געווען זייער אָנגעזען ביי אַלעמען. איר מאַן, ר׳ ברוך קלעפּפיש, אַ נאָענטער קרוב פון באַרימטן הרב קלעפּפיש, איז געווען זייער אַן איידעלער ייד, אַ למדן, אָבער אַ קפדן און אַ „פּליט", ווי מען פלעגט ביי אונדז זאָגן וועגן אים. ער איז געווען אַ „גיכער": גערעדט גיך, געגאַנגען גיך, זיך צעבייזערט שנעל... אַז די מומע איידעלע פלעגט אים דערציילן וועגן אַ שידוך פאַר זייערם אַ דערוואַקסענער טאָכטער, פאַרלייגנדיק אים ער זאָל זיך באַקענען מיט די צוקונפטיקע מחותנים, פלעגט דער

פעטער ברוך אַ שאָקל טאָן מיט זיין לאַנגער געלבלעכער באָרד און צומורמלען: „נו, נו, גיי שוין, גיי, איידל! גיי שוין, גיי!". און אַ ווײַלע אַרום אָבער, פלעגט ער זי אַ פרעג טאָן: „ווו־הין, זאָגסטו, איידל, דאַרף איך גיין זען די מחותנים?". די מומע איידעלע פלעגט זיך דעמאָלט ברייט צעשמייכלען און אים דערלאַנגען דעם אַדרעס צוזאַמען מיטן יום־טובדיקן סורדוט.

די זעלבע גוטע באַציונגען האָבן אויך געהערשט מצד דעם זיידנס משפחה כלפי דער באָבען. באַזונדערס הארציק און ליב איז געווען צו איר דעם זיידנס שוועסטער איטעלע. „איטעלע" — האָט די באבע אָפט דערציילט — „איז געווען צו מיר ווי מיינס אַ לייבלעכע שוועסטער".

די מומע איטעלע, „די צדיקת", ווי מען האָט זי גערופן אין דער משפחה, איז געווען דער היפך פון איר ברודער דעם ווארקער רבין: עניוותדיק, גוטמוטיק און ליבלעך־הילפלאָז; הילפלאָז קעגן דער דרויסנדיקער וועלט און הילפלאָז קעגן דעם שטענדיקן רוגז צווישן איר שטרענג־קפדנישן ברודער, דער רבי, און איר שטאָלצן, איינגעבילדעטן מאַן ר' נחמיה ווארקער, ווי מען פלעגט אים רופן אין הויף.

ר' נחמיה ווארקער איז געווען אַ לוסטיקער, לעבנס־פרייידיקער מענטש, אָבער אַ גרויסער עגאָיסט, מיט אַ סך איינרעדעניש כלפי זיך און מיט גרוים ביטול כלפי אַנדערע. ער איז געווען זייער באַגאַבט מוזיקאַליש, געפאָרן קיין איטאַ־ליע, באַזוכט די מילאַנער „לאַ סקאַלאַ", און אַהיימקומענדיק האָט ער ביים טיש־פּראַווען אין סאַמע ווארקער הויף געזונגען זמירות מיט ניגונים פון איטאַליענישע אָפּערעס. צום רבישן הויף האָט ער זיך באַצויגן איראָניש־שפּאָטיש און צו זיין שוואָגער, דעם יונגן רבין — מיט אָפענעם ביטול און פאַר־

אַכטונג, גלויבנדיק אַז בלויז צוליב זײַן „פּראָפּאַנער" אָפּשטאַמונג — ניט פון רבים — איז אים „פאַרשטעלט געוואָרן" דער וועג צו ירשנען די רביסטווע פון זײַן שווער, דעם מיטעלן וואַרקער, און ווערן זײַן ממלא מקום. פלעגט טאַקע ר׳ נחמיה וואַרקער פּראַווען זײַנע אײגענע טישן, מיט אײגענע אָנהענגער און מיט גוטן אַלטן ווײַן פון זײַן אײגענעם קעלער.

דער תהום צווישן די קעגנזעצלעכע נאַטורן פון די בײדע שוואָגערס איז קײן מאָל ניט איבערגעבריקט געוואָרן, און זײ זענען יאָרן־לאַנג געווען ברוגז אײנער מיטן אַנדערן. ערשט קורץ פאַר זײַן פּטירה האָט ר׳ נחמיה וואַרקער מסכים געווען, אַז זײַן שוואָגער, דער רבי, זאָל אַרײַנקומען אים מבקר חולה זײַן.

ר׳ נחמיה וואַרקערס לעבנס־לאַנגע אַמביציע איז ניט דערפילט געוואָרן: ער האָט זײַנע דורות ניט איבערגעלאָזט קײן ירושה פון אַן אײגענער רבישער „דינאַסטיע".

פערטער קאפיטל

## ר׳ שמחה בונם וואַרקער פאָרט אַוועק קיין ארץ־ישׂראל

פאַרלאָזט די רביסטווע און די משפחה. — טויזנטער חסידים באַ־לאַגערן דעם הויף. — און עדה יידן טראָגן די קאַטש אויף די הענט מיט אַ געוויין.

.4

די שמועה וועגן ייִדנס אויסטערלישן פּלאַן צו פאַרלאָזן אַלץ און אַלעמען אין זיין גרויסן רבישן הויף און אַוועק קיין ארץ-ישראל, איז אָנגעקומען צו זיין ווייב און קינדער אַ קורצע צייט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, גראָד אין אַ טאָג, ווען מיין פאָטערס לעבן האָט ממש געהאָנגען אויף אַ האָר.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער, שנייאיקער פרימאָרגן — פּלעגט די באָבע מיט אַ ציטערדיקער שטים שילדערן יענעם טאָג — פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ ביקסן-קנאַלעריי און געשרייען און געוואַלטן עד לב השמים. קינד און קייט זענען געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער שול. קאָזאַקן אויף הויכע פערד מיט נאַגייקעס אין די הענט האָבן זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ איבערן שטעטל, און דאָס טופּעריי פון די פערדישע פּאַדקאָווע האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם ווילדן קוויטשעריי פון די קאָזאַקן. עטלעכע פון זיי זענען אַריין אין אונדזער הויז, צוגע-לאָפן צו מיין פאָטער און אויסגעשריגן: „אַ נו, ווּ זענען די סטרייקערס ?!״... און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער — האָט די באָבע ווייטער דערציילט — האָבן די קאָזאַקן זיך אַ לאָז געטאָן מאַכן אַ רעוויזיע אין הויז.

איז גראָד אין יענעם מאָמענט אונדזער קעכין צביה, אַ לאַנגע, דאַרע, תמיד פאַרזאָרגטע ייִדענע, וועמענס מאַן האָט געדינט ביי די זעלנער, און זי — ביי דער רביצין אין שטעטל,

אַראָפּ אין קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע מיט פון דער פּאָדלאָגע אין עסצימער, אַרויפצונעמען אַ שייטל האָלץ; און פּלוצעם — טראַך, אַ פאַל פון אַ שווערער מאַסע אין באַגלייט מיט אַ ווילדן אויסגעשריי: אַ יונגער קאָזאַק איז געלעגן אין קעלער. געפאַלן איז ער גלייך אויף צביה דער קעכין, זי אַ כאַפּ געטאָן און זי אַרויפגעשלעפּט ווי אַ הערינג פאַרן עק. די טויט־דערשראָקענע צביה האָט זיך היסטעריש צעשריגן: „געוואַלד, יידן, ראַטעוועט, אַ קאָזאַק!”.

דער יונגער קאָזאַק — האָט די באָבע גאָלדעלע פאַרענדיקט די מעשה — האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן און אַרויסגעדונערט איינע פון די יאַדריקע קללות פון זיין רוסישער מוטער־שפּראַך...

מיין פאָטער האָבן די קאָזאַקן אַוועקגעפירט אין דער קליינער קירכע, וווּ עס איז שוין געזעסן אַרעסטירט אויך דער גלח פון שטעטל.

די באָבע גאָלדעלע, אויפגעטרייסלט פון דער ידיעה וועגן דעם עקסטרעמען שריט פון איר מאַן, אַוועקצופאָרן אין מרחקים, האָט באַשלאָסן עובר צו זיין דאָס מאָל אויף זיין שטרענגן פאַרבאָט ניט אַריינצוקומען אין זיין רעזידענץ און זיין ספּעציעלער דערלויבעניש; זי האָט גלייך געדונגען אַ בויד און אַוועק צום זיידן אין אָטוואָצק.

דעם זיידנס ווילע איז אַלע יאָרן געווען באַוואַכט דורך אַ יידישן הויזוועכטער. אַז מיין באָבע איז אָנגעקומען אין דער ווילע, האָט דער הויזוועכטער, לויטן באַפעל פון זיין רבין, זי ניט אַריינגעלאָזט. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, די באָבע האָט זיך אַרומגעדרייט פאַרן אייזערנעם פאַרשלאָסענעם טויער פון איר מאַנס ווילע ביז זי האָט אַ דאַנק אָן

אויסטערלישן צופאל זיך „אריינגעגנבעט” אין הויף: א טאָכטער פונעם הויזוועכטער, א יונג מיידל פון א יאָר אכצן, איז געהאַט אוועק א ברוגזע פון אירע עלטערן און וואָכנלאַנג ניט געווען אין דער היים. איז גראָד אין יענעם טאָג דאָס מיידל פלוצעם פארפאָרן מיט א דראָזשקע פארן טויער פון זיידנס ווילע. דער הויזוועכטער, עפענענדיק דאָס שווערע אייזערנע טויער פאר זיין טאָכטער, האָט אין זיין פריידיקער צעטומלעניש ניט באַמערקט דאָס „אריינגנבנען” זיך פון מיין באבען. כאַפנדיק זיך אָבער באַלד וואָס דאָ איז געשען און ניט האָבנדיק קיין מאָל געזען די רביצן פאר זיינע אויגן, — איז ער שנעל א לויף-געטאָן פאָרויס, איר פארשטעלט דעם וועג, זי אָנגעכאַפּט ביים ארבל און איר קאַטעגאָריש באַפוילן תיכף צו פארלאָזן דעם הויף.

די באָבע, א פארצאָרנטע און באַליידיקטע, איז שטיין געבליבן אין מיטן גרויסן הויף, שאַרף אָנגעקוקט דעם הויז-וועכטער און הויך אויפן קול אויסגערופן: „דרך-ארץ, איך בין די רביצין!”...

א קורצע צייט נאָך דער באבעס באזוך אין זיין ווילע, איז אָנגעקומען א ידיעה פון זיידן צו קומען זיך געזעגענען מיט אים פאר זיין אָפּפאָר קיין ארץ-ישראל. און צום ערשטן און צום לעצטן מאָל האָבן דעמאָלט זיינע אייניקלעך געזען זייער זיידן ר' שמחה-בונם ווארקער.

אין א ריזיק גרויסן, לאַנגן זאַל מיט ווייס געקאַלכטע הויכע ווענט מיט א סופיט פון ווייסע בעלקעס און ארום זעקס הויכע פענצטער, וואָס דורך זיי האָבן אריינגעקוקט ווייס פארשנייטע הויכע סאָסנע-ביימער, איז געזעסן אויף א רויט פארביקן זיידענעם פאָטעל מיין זיידע. א לאַנגע, דאַרע פיגור

מיט ברייטע שטערן־וױנקלען, אַ גרױס שװאַרץ סאַמעטן קאַפּל אױפֿן קאָפּ, אַ האַלב־גרױלעכע לאַנגע באָרד און צװײ גרױסע, שװאַרצע אומעטיקע אױגן אין אַ טויט בלאַס געזיכט. לעבן אים — אַ לאַנגער, העלער, האָלצערנער טיש, צװײ לאַנגע בענק און אַרום די נאַקעטע װענט אָן אַ שיעור טירן, הױכע ביזן סופֿיט, װאָס האָבן געפֿירט אין די װײַטערדיקע צימערן פֿון הױז.

די אײנציקע ליניע־אונטערברעכונג פֿון דעם אומהיימ־ליכן רױם איז געװען אַ גרױסער קופּערנער הענגל־לײַכטער מיט אַכט רערן, װאָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פֿון מיטן באַלקן.

אַ היפּשע צײַט איז מײַן מוטער מיט אירע צװײ קלײנטשיקע טעכטערלעך געשטאַנען שטום אין זײדנס צימער, געװאַרט אױף זײַן געזעגענען זיך אױף אײביק. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שטיל װײנען — מײַן מוטער איז געשטאַנען און טרױעריק געשעפּטשעט, איר שװער, דער רבי, זאָל איר צוזאָגן, אַז זי װעט האָבן אַ רפֿואה, אַז זי װעט זײַן אַ געזונטע מאַמע צו אירע קלײנע קינדער.

דער זײדע האָט לאַנג און רחמנותדיק געשװיגן...

צום לעצטן „זײַ געזונט" האָט דער זײדע דערלאַנגט זײַנע אײניקלעך זאַמש־לעדערנע בײַטעלעך פֿון בעזש־קאָליר מיט אַ גרױסן קופּערנעם צענער. אײן אײניקל האָט שנעל אַ טראַכט געטאָן פֿאַרױס, אױסגעשטרעקט דאָס הענטל און געװאָלט נעמען דאָס בײַטעלע. דער זײדע אָבער האָט זיך לאַנגזאַם צוריקגעצױגן אין זײַן פֿאָטעל, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: „דרך ארץ, די עלטערע פֿאַר דיר". זעענדיק אַז די „עלטערע" שטײט שעמעװדיק אין אַ זײַט מיט אַראָפּ־געלאָזטע אױגן, האָט ער זיך צעשמײכלט, אַ פֿיר געטאָן די

יאַרמולקע אויפן קאָפּ און שטיל, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט: „אָ, זי איז אַ צנועה".

וואָרקער חסידים האָבן יאָרן-לאַנג נאָכדערציילט דעם זאָג פון זייער רבין וועגן זיין אייניקל...

אין טאָג פון זיידנס אַפּפאָר קיין ארץ-ישראל איז זיין ווילע געווען באַלאַגערט פון צענדליקער טויזנטער חסידים, זיינע אייגענע און פרעמדע, מקורבים, פריינט און סתם יידן, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן פון אַלע עקן פוילן זיך צו געזע-געגען מיטן וואָרקער רבין.

דער הויז-וועכטער האָט צום ערשטן מאָל ברייט פונאַנ-דערגעעפנט דאָס אייזערנע טויער פון זיידנס ווילע, דורך וועלכן עס האָבן איצט געשטראָמט אומגעשטערט ריזיקע מענטשן-מאַסן און זיך געצויגן איבערן געדיכטן וואַלד, ווייט אַוועק ביז צו דער באַן-סטאַנציע. די קאַטש, וואָס האָט געפירט דעם זיידן צו דער באַן, האָט ביסלעכווייז זיך אָנגע-הויבן רירן, שווער און לאַנגזאַם, דורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג צווישן אַ ים פון מענטשנקעפּ. אַ טרויעריקע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. דער זיידע האָט זיך פון מאָל צו מאָל אָנגע-בויגן דורכן פענצטערל פון דער קאַטש, זיך אַרומגעקוקט, און שווייגנדיק, רעזיגנירט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו דער מאַסע באַגלייטערס.

פּלוצעם האָט אַ הילכיקער אויסרוף פון טויזנטער קולות זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין „פאָרט געזונט, רבי!". אַ מענטשן-כוואַליע האָט אַ שטראָם געטאָן פאָרויס, אויסגעשפּאַנט די פערד, אַ הייב געטאָן די קאַטש אין דער הייך און זי אַוועקגעטראָגן אויף די הענט ביז צו דער באַן.

דער לעצטער מאָנאַטאָנער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט דורכגעשניטן די לופט און פאַרהילכט דאָס פאַרצווייפלטע כליפען פון אַ פאַריתומטער עדה יידן.

זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל האָט ר׳ שמחה־בונם ווארקער אָנגעהויבן נאָך מיט ניינצן יאָר פריער, ווען ער איז נאָך געווען יונג, אַ מטופל מיט האַלב דערוואַקסענע און קליינע קינדער. דעמאָלט, מיט ניינצן יאָר צוריק, האָט ער איינגעפּאַקט אַ קאַסטן ספרים, אַ זעקעלע געלט, אַביסל מטלטלים און צוזאַמען מיט ווייב און קינדער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, איבערלאָזנדיק אין זיין הויף זיין עלטסטן חתונה־געהאַטן זעכצניעריקן זון, מיין פאָטער, ווי אַ ממלא מקומו.

וואָכן לאַנג איז מיין זיידע מיט זיין משפּחה געווען אין וועג. געפאָרן מיט באַן, מיט שיף, מיט קעמלען, מיט אייזעלעך, ביז צפת. לויטן דעמאָלטיקן געזעץ פון דער טערקישער רעגי־רונג האָט דער זיידע, ווי אַ פרעמדער בירגער, ניט געטאָרט בלייבן אין ארץ־ישראל מער ווי דריי חדשים. האָט ער זיך נאָך די דריי חדשים אויסבאַהאַלטן מיט ווייב און קינדער אויף פאַרשיידענע אופנים — געפאָרן איבער בערג און טאָל, איבער דאָרף און שטאָט, איבערן לאַנד פון ישראל; געגעבן כאַבאַר די טערקישע זשאַנדאַרן און אָפּגעוואַרט די אינטערווענץ פון דרויסן ביי דער טערקישער מאַכט. צום סוף איז ער אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין די עכוער תפיסה. נאָך עטלעכע וואָכן זיצן אין תפיסה איז מיין זיידע מיט דער פאַמיליע אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל, צוריק קיין פוילן.

די סיבה פון זיידנס ערשטע מאָל פאַרלאָזן זיין היים, הויף און חסידים און אַוועק קיין ארץ־ישראל, איז — לויט דער

באַבעם דערקלערונג — געוועזן אַזאַ: דער מיטעלער וואָרקער, ר׳ מענדל, איז נפטר געוואָרן נאָך ניינצן יאָר רבישאַפט. דער זיידע האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת-הכבוד כלפּי זיין טאַטן צו „פירן" לענגער ווי ער, איז ער אַוועק כדי צו מאַכן אַ הפסקה נאָך זיינע אייגענע ערשטע ניינצן יאָר רבי זיין.

די צווייטע, די לעצטע, נסיעה זיינע קיין ארץ-ישראל האָט ער געמאַכט נאָך די צווייטע ניינצן יאָר. דאָס מאָל איז ער אַוועק אַליין, אַנטוישט, איינזאַם, פרעמד צו דער וועלט און צו זיינע אייגענע. דעם שבת פאַר זיין אָפּפאָר האָט ער אויסגערופן אין זיין בית-המדרש פאַר אַן עדה חסידים: „יידן, עס ברענט אַ פייער און קיינער זעט נישט!"...

פינפטער קאפיטל

## מיין פאטער - דער אטוואצקער רבי

דראנג צו אומאפהענגיקייט. — און אנדערער דרך. — א רחבותדיקער הויף. — מיין מוטערס טויט. — צערונענע חלומות.

.5

מיין פאָטער, דער נאָכפאָלגער פון ר׳ שמחה-בונם, איז געווען דער פראָטאָטיפּ פון זיין זיידן ר׳ מענדל וואָרקער, און אויך געהייסן נאָך אים. ער איז געווען איינער פון די שענסטע מאַנספאַרשוינען, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען. נאָך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַז ער פלעגט גיין אין גאַס, אַרומגע־רינגלט, ווי דער שטייגער, מיט חסידים און מקורבים, פלעגן אַלע פאַרבייגייערס — יידן און ניט-יידן — זיך אָפּשטעלן קוקן אויף אים.

ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר שיינקייט און שטאַרק נהנה געווען פון שיינקייט. די כאַלאַטן, וואָס ער האָט געטראָגן אין שטוב, זענען מיינסטנס געווען פון גרינעם מאָרע-זייד, און זיי האָבן תמיד געבלאַנקט אויף אים. גרין איז געווען זיין באַליב־טער קאָליר. ווען זיין טאָכטער האָט נאָך אירע תנאים אויסגע־האַפטן אַ תפילין-זעקעלע, אַ מתנה פאַר איר צוקונפטיקן מאַן, האָט מיין פאָטער געהייסן נעמען גרינעם סאַמעט. „גרין איז אַ קאָליר, וואָס איז מהנה״, האָט ער איר געזאָגט.

ער איז געווען זייער האַרציק, אַן אויסשטראַלונג פון אַ פערזענלעכן צויבער. חסידים און ניט-חסידים האָבן אים פאַרערט און ליב געהאַט אהבת-נפש. ער איז געווען ניט נאָר דער רבי און מנהיג, נאָר אויך זייער האַרציקער פריינט און חבר. איך געדענק אים אַ מאָל צוגיין צום כיור זיך וואַשן די הענט, און איינער פון די חסידים איז אַ לויף געטאָן

פאַרוים און געוואָלט אויסגיסן די שיסל, וואָס איז שוין געווען פול מיט וואַסער; מיין פאָטער האָט אים אָבער אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט און מיט אַן ערנסטן טאָן געזאָגט: „פאַר וואָס דו, פאַר וואָס ניט איך אַליין?"...

פת-שחרית פלעגט ער עסן זייער שפּעט, גאַנץ אָפט שוין פאַרנאַכט; נאָכן שיעור און נאָך דעם שעהן-לאַנגן דאַווענען האָט ער תיכף אָנגענומען דעם עולם, וואָס פלעגט קומען צו אים פרעגן אַן עצה, אָדער בעטן עפּעס אַ טובה, אָדער זיך סתם מזכיר זיין, און ערשט דערנאָך איז ער געגאַנגען עסן.

אין די שווערע טעג פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען מיר האָבן שוין געוווינט אין וואַרשע און דער הונגער האָט געפּלאָגט יעדן איינעם, האָט מיין פאָטער טאָג-טעגלעך אָראָפּ-געשיקט אַ העלפט פון זיינע מאָלציַיטן, וואָס ער האָט גענעסן בלויז צוויי מאָל אין מעת-לעת, צו אַן אָרעמען יידן, וואָס איז געשטאַנען אין טויער פון הויז און זיך „מפרנס געווען" פון פאַרקויפן שוועבעלעך.

אין זיינע ערשטע נאָך גאַר יונגע יאָרן איז מיין פאָטער געווען רב אין שטעטל מאַטשעוויץ. אויף מיין פאָטערס צאַרט געמיט האָט שטאַרק געדריקט דאָס קליינע שטעטל מיט די גאַר קליינע קהילה-ענינים און זיין גרויסע משפחה מיט אירע גרויסע זאָרגן, אָבער צום מיינסטן האָט באַדריקט זיין געמיט זיין דעספּאָטישער פאָטער, מיין זיידע ר' שמחה-בונם וואָר-קער.

איז מיין פאָטערס יוגנט-חלום געווען — אומאָפּהענגי-קייט פון קליינטשיקן שטעטעלע מיט זיינע דאַזאָרעס און פון זיין שטרענגן טאַטן... און ער האָט באַשלאָסן זיך אויסצולערנען

רוסיש, באַלייגן עקזאַמען און ווערן „קאַזיאָנער” רב אין אַ גרויסער קרייזשטאָט אין פוילן, מיט אַ ברייטערן פּאַרנעם און גרעסערע מעגלעכקייטן אויף זעלבשטענדיקייט.

דער דאָזיקער געוואָגטער פּלאַן איז געהאַלטן געוואָרן בסודי־סודות, דער זיידע ר׳ שמחה־בונם זאָל חס־ושלום דערפון ניט געוואָר ווערן. שפּעט ביי נאַכט פלעגט זיך מיין פאָטער איינשליסן בחדרי־חדרים מיט מרדכי לערער צו שטודירן די כללים פון דער רוסישער גראַמאַטיק, און שפּאַנענדיק מיט שווערע טריט איבער זיין לאַנגן צימער, פלעגט ער נאַכט־איין נאַכט־אויס זיך איינחזרן: „סטאָל, סטאָלאַ, סטאָלו”...

מרדכי לערער איז געווען אַ ייד אַ ווילקענעוודיקער, געגאַנגען „קופּעטשעסקע” געקליידט, געטראָגן אַ געשוירן בערדל און אָבאָנירט דעם „פריינד”. ביי אים האָבן גע־לערנט יינגלעך און מיידלעך, און געלערנט האָט מען אי דאַוונען אי שרייבן.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער זיידע האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין בכור, דער מאַטשעוויצער רב, לערנט אַ גויישע שפּראַך, קלייבט זיך באַלייגן עקזאַמען און ווערן „קאַזיאָנער” רב. אין אַ קאַלטן פרימאָרגן זענען אָנגעקומען אין אונדזער הויז צוויי שליחים מיט אַ באַפעל — מיין פאָטער זאָל תיכף קומען צום זיידן.

די פּרטים פון יענעם שמועס צווישן זיידן און זיין עלטסטן זון איז מיר ניט באַקאַנט, אָבער לאַנג האָט מען זיך ביי אונדז אין הויז דערציילט וועגן זיידנס האַרטן אויסגעשריי צו מיין פאָטער: „דו פאָלגסט מיך ניט, דו האַלטסט אויך מיט דער מאַמע!” און פאַרשווּנדן איז פון אונדזער הויז נעמצעוויטשעס לערנבוך פון דער רוסישער גראַמאַטיק... און פאַרשווּנדן

איז מיין פֿאָטערס יוגנט-חלום זיך אויסצולערנען רוסיש און ווערן רב אין אַ קרייזשטאָט.

אין אַ צייט אַרום האָט מיין פֿאָטער פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל מאַטשעוויץ און — מיט דער הסכמה און הילף פֿון זיידן — געוואָרן רב אין סאָבין, אַ שטעטל מיט אויסזיכטן אויף בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אויסזיכטן וואָס זענען גאָר אין גיכן צו-נישט געוואָרן צוליב אַ פֿאַל, וואָס איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מיין פֿאָטערס גאַנצן מהות: אין אַ געוויסן אָוונט איז אין אונדזער הויז פֿאָרגעקומען אַ דין-תורה צווישן צוויי בעלי-בתים פֿון שטעטל; ביידע צדדים האָבן געשריגן, געפֿילדערט, באַליידיקט איינער דעם צווייטן, און פּלוצעם האָט איינער פֿון זיי אויסגערופֿן צו מיין פֿאָטער: „רבי, ער (דער צד שכנגד) האָט זיך באַרימט פֿאַר די שכנים, אַז מיין ייִנגסטע מיידעלע איז ענלעך צו אים״...

מיין פֿאָטער איז אַ פֿאַרציטערטער האַסטיק אַ שפּרייז געגעבן צום צווייטן בעל-דין און אים אַ זאָג געטאָן: „נואף!״.

אַ מוראדיקע שטילקייט איז באַפֿאַלן דאָס בית-דין-צימער. עס האָט זיך דערהערט אַ כליפּן... דער באַליידיקטער בעל-דין איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און ביטער געוויינט. מיין פֿאָטער, בלאַס ווי די וואַנט, האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט, זיך אַרומגעקוקט, ווי זוכנדיק הילף, און מיט שנעלע טריט אַרויס פֿון צימער.

עס איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט און מיין פֿאָטער איז נאָך אַליין געשטאַנען פֿאַר יענעם בעל-דין און געבעטן ביי אים מחילה. פֿון יענעם טאָג אָן האָט ער גענומען אויף זיך ניט מער צו פּסקענען דין-תורות אַליין און ער האָט זיך צוגענומען

אַ מורה־הוראה אויף זיין אייגענעם חשבון, אויפן חשבון פון זיין מאָגערן שכר־רבנות אין שטעטל סאָבין.

עטלעכע טעג נאָכן זיידנס צוויטן און ענדגילטיקן אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל, זענען חסידים אַריין אין אונדזער הויז, געטרונקען ניינציקער אָקעוויט, געטאַנצט אַ קאַראַהאָד און פריילעך אויסגערופן צו מיין פאָטער: „לחיים רבי!".

מיט געזאַנג און טענץ האָט דאָס שטעטל סאָבין, ווו מיין פאָטער איז געווען רב אַ קורצע צייט, באַגלייט אונדזערע צוויי בוידן וואָס האָבן זיך געשלעפּט שווער באַלאָדן איבערן שטעטל ביז צום שאָסיי, פירנדיק די מאַנסבילן באַזונדער און די פרויען באַזונדער צו אונדזער נייער, רייכער היים — אין זיידנס גרויסער ווילע אין אָטוואָצק.

עטלעכע חסידים, מקורבים און „טישזיצערס", וואָס האָבן אַלע יאָרן מער געהאַלטן מיט דער באבען ווי מיטן זיידן, זענען אַריין אין מיין פאָטערס שלאָפצימער מיט אַ זעג אין האַנט און טרינקענדיק לחיים — אונטערגעזעגט די פיר הויכע האָלצשטאַנגען פון מיין פאָטערס הימלבעט... אַ סימבאָל פון ערשטן איבעררייס מיטן וועלטבאַנעם און לעבנס־דרך פון מיין זיידן, דעם רבי פון ארץ־ישראל, ווי מען האָט אים שפּעטער גערופן. דאָס הימלבעט איז געווען איינס פון די שטרענגסטע פאַרשריפטן אין מיין זיידנס באַפעלן צו זיינע קינדער.

אין די צאָלרייכע צימערן פון זיידנס ווילע אין גרויסן אָטוואָצקער וואַלד האָט מען באַלד אָנגעהויבן העמערן, היבלע־ווען, זעגן, פּאָלירן ביים איבערבויען, צובויען און איינבויען די פאַרשיידנסטע איינריכטונגען אין יעדן צימער באַזונדער.

אַלע שפּעטערדיקע יאָרן אין אונדזער ווילּיע פלעגן בעלי־מלאכות פון אַלע סאָרטן קומען און גיין, מאַכנדיק די אויסגעקליגלסטע ענדערונגען אין בוי און סטרוקטור פון זיידנס צווישטאָקיגער געביידע מיט אַלע דערבייאיקע בנינים. אַלץ לויט מיין פאָטערס אייגענע פּלענער און אויפטוען.

באַזונדערס לאַנג און פלייסיק האָבן געאַרבעט מויערערס און מאָלערס ביים אויסבויען און פאַרפּוצן דאָס גרויסע בית־המדרש אין אונדזער ווילּיע מיט אַלערליי קונסט־מאָלערייען, ווי אַ שטייגער, אַ גרויסער „שוויתי" מיט צוויי גרויסע לייבן, וואָס האָבן אויסגעזען ממש לעבעדיק מיט זייער בליק געווענדעט אין אַלע זייטן א. אַ. דאָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל פון קונסט־מאָלערישע פאַרצירונגען אין אַ בית־המדרש פון אַ חסידישן רבין אין יענעמצייטיקן פּוילן. האָבן טאַקע אַ סך אַלטע וואַרקער חסידים אָנגעהויבן מורמלען און תּרעומות האָבן אויף זייער יונגן רבין פאַר דער שאַרפער אָפּווייכונג פון זיין אַסקעטישן פאָטערס דרך. אין שפּיץ פון דער מור־מלעריי און קעגנערשאַפט איז געשטאַנען זייער רבינס עלטס־טער זון, מיין ברודער יצחק, וואָס זיין „אַנדערש זיין" פון טאַטן האָט שוין דעמאָלט, נאָך אין זיינע יינגלשע יאָרן אָנגע־נומען פעסטע פאָרמען, בעיקר אין ענינים פון הויפישן לעבנס־שטייגער.

מיין ברודער האָט באַטראַכט דעם הויף ווי אַן אַלטע טראַ־דיציאָנעלע פעסטונג, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן, פאַרפעסטיקן און באַשיצן. ביי דער פאַרקנסונג פון זיין עלטסטער שוועסטער מיט אַ נאָענטער משפחה פון אַן אַנדערן באַרימטן רבין אין פּוילן, האָט ער זיך אויסגענומען מיטן נגידישן מחותּן, אַז נאָך דער חתונה וועט דער איידעם מער ניט פאָרן צום „פרעמדן"

רבין; א תנאי, צוליב וועלכן ס'איז שיער ניט געוואָרן „אוים־שידוך" צווישן דעם אָטוואָצקער רבישן הויף און דעם יחוס־דיקן גוט־באַזיצער.

דער מחותן, א ייד א חכם, א למדן און א פיינ־פילנדיקער מענטש, האָט בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין זון, דער „עילוי", זאָל נישט זיצן, ווי דער שטייגער, שבת און יום־טוב ביים טיש פון זיין רבין, זיין נאָענטן קרוב. אַזוי אָבער ווי דער שידוך מיטן אָטוואָצקער הויף און הויפּטזאַכלעך די כלה, זענען זייער געפעלן געוואָרן דער מחותנתטע, זענען די צדדים געקומען צו א פשרה וועגן דעם „חסידות־פּראָווען" פון דעם צוקונפטיקן רבישן איידעם: צו זיין אייגענעם רבין וועט ער קאָנען פאָרן אויף שבתים; די ימי־טובים אָבער מוז ער בלייבן ביי זיין שווער אין אָטוואָצק.

די מחותנתטע, אַליין פון גרויסן יחוס, פון ר' יונתן איי־בעשיצ'ס אָפּשטאַם, איז געווען א שיינע, עלעגאַנטע פרוי, געשמט פאַר א געלערנטע, אין איר יוגנט געלייענט די ווערק פון געטע און שילער און געהאַט א סך געשמאַק אָבער אויך ניט ווייניק איינרעדעניש; איינרעדעניש אויף זיך זעלבסט, אויף איר שיינער משפּחה, אויף איר גרוים חסידיש הויז אין איר רייכן גוט און באַזונדער — אויף אירע געראָטענע טעכ־טער און למדנישע זין.

צו דער „כלה־זעעכץ" האָט די מחותנתטע מיטגעבראַכט, ווי ספּעציעלע מבינטעס, איר אַן אָקאָרשט פאַרהייראָטעטע טאָכ־טער און א יונגע שנור, א זייער עלעגאַנט, פריילעך וואָר־שעווער רייך חסידיש ווייבל. האָט טאַקע די יונגע שנור באַלד געפּרווט פאַרפירן א שמועס מיט דער פופצן־יאָריקער

רבישער כלה וועגן די ווערק פון גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַ, די באַרימטע פּוילישע שריפטשטעלערין פון פּיקאַנטע סאָציאַלע ראָמאַנען...

נאָך דער חתונה, ווען דער יונגיטשקער איידעם האָט, טראָץ דעם „הסכם", ערב שבועות איינגעפּאַקט די אַטלעסענע קאַפּאָטע און דאָס שטריימל און איז אַוועק אויף יום־טוב צו זיין רבין, האָט מיין ברודער אַ פּראַל אויף געטאָן די טיר פון זיין שוועסטערס צימער, שטייען געבליבן אויף דער שוועל און מיט תקיפות אויסגערופן: „גט זיך מיט אים, תיכף ומיד זאָלסטו זיך מיט אים גטן!"...

מיין פאָטער, אָבער, פילנדיק זיך געטראָפן פון דעם פּיינלעכן אינצידענט אין הויף, האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן צו משה'ל משמש: „נו, נו, משה, בעסער אַ חסיד פון אַ פרעמדן רבין, איידער גאָר קיין חסיד ניט".

פון די דריי משמשים אין אונדזער הויף איז משה'ל געווען דער ראשון במעלה און מיין פאָטערס נאָענטסטער מענטש. משה'ל איז געווען אַ ייד אַ למדן, אין זיין יוגנט געשמט פאַר אַן „עילוי"; געווען משמש נאָך ביי מיין זיידן ר' שמחה־בונם און דערנאָך פאַרבליבן ביי מיין פאָטער. משה'ל איז געווען דער „ווילקענעוודיקער" אין רבישן הויף, געשריבן אַלע פּוילישע אַדרעסן און געלייענט די טעלעגראַמעס וואָס די חסידים פלעגן אין אַן עת צרה אָדער אין אַ שמחה שיקן צו זייער רבין, ווי, למשל: „פּאַטזשעבויע רחמים", „פּראָשיץ רפואה שלמה", אָדער גאָר „אוראָדזשילאַ בען"... ער איז געווען זייער אַ ליבלעכער מענטש, שטענדיק געשמייכלט, אָפט זיך געוויצלט און אייביק פאַרבליבן יונג. משה'ל משמש איז אויך געווען

דער, וואָס האָט דער ערשטער געגעבן זיין רבינס טאָכטער אַ ספר אין האַנט — דעם תנ"ך מיט מענדעלסאָנס ביאור. משה'ל איז טאַקע געווען איבערצייגט, אַז מענדעלסאָן איז געווען אַן אַפּיקורס, אָבער צוליב זיין „שאַרפן קאָפּ" האָט ער אים מוחל געווען דאָס אַפּיקורסות...

אונדזער צווייטער משמש, משה־טוביה קאַלושינער, איז געווען דער היפּך פון משהלען. ער איז געווען אַ „מרוק", אַ „שווייגער", ווי מיר פלעגן זאָגן. און אַז ער האָט גערעדט, זענען עס מיינסטנס געווען „תכלית־רייד", ערנסט, קורץ און חשיבותדיק. ער איז געווען אַ קלוגער ייד מיט אַ פּאָר שאַרפע גראָע אויגן, וואָס האָבן אַלץ געזען, אַסך פאַרשטאַנען, אָבער ווייניק מוחל געווען. משה־טוביה איז געווען דער איינציקער אין אונדזער הויז, וואָס האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה „געהאַלטן מיטן רוס" קעגן דעם דייטש, טענהנדיק אַז דער דייטש איז עמלק, און אַז עמלק שטייגט — פאַלט ישראל...

ביים ווייבער־פאָלק אין אונדזער היים איז משה־טוביה געווען נישט איבעריק באַליבט. דערפאַר אָבער האָט אים ממש פאַרגעטערט זיין ווייב חיה־שרה „די צנועה", ווי מען האָט זי גערופן אין אָטוואָצק. חיה־שרהס וועלט און לעבן זענען באַשטאַנען פון צוויי אני־מאמינס: די שלימות פון איר מאַן און דאָס מקוים ווערן פון איר רבינס צוזאָג, אַז זי וועט „געהאָלפן ווערן". חיה־שרה איז געבליבן אַן עקרה, אָבער ביז איר לעצטן טאָג האָט זי נישט אויפגעהערט צו גלייבן אין דעם צוזאָג פון איר רבין...

דער דריטער משמש אין אונדזער הויף איז געווען מענדל לאַדזשער, אַ ייד פון גאָר אַן אַנדערן שניט; אַ האַרציקער פאָלקסטימלעכער מענטש, אַ פיינער שמועסער, מיט אַ

באַהאַלטענעם אומעט אין די אויגן. אַ ייד מיט ניט וויניק דאגות, מיט אַ סך קינדערלעך און פול מיט לעבנסלוסט — אין היפך צו זיין „עפּעמעריש" ווייב חנה. חנה איז געווען אַ שטי־לינקע, איידעלע, שוואַכע פרוי, וואָס האָט וויניק געגעסן, אַ סך געקרעכצט און תמיד געזאָרגט. זי האָט זייער מורא געהאַט פאַר דונערן, אָבער זי האָט עס אָנגענומען באהבה, ווייל זי האָט געהערט זאָגן, אַז ווען עס דונערט פאַלן אוגער־קעס פון הימל...

פלעגט מענדל משמש, אַ פרעמדער אין זיין אייגענער היים, מיינסטנס זיצן ביי זיין רבין אין הויז, דערציילן זייער שיין אַלערליי מעשהלעך און אָפט מאָל זיך אויך צעזונגען מיט זיין שיינעם העלן באַריטאָן. די דאָזיקע מעלות האָבן שפּעטער געירשנט זיינע צוויי זין, זישע און פּנחס כץ. איינער אַ פּעי־קער אַרטיסט אויף דער יידישער בינע, און דער צווייטער אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט, מיטאַרבעטער פון יידישע הומאָ־ריסטישע זשורנאַלן אין וואַרשע. ביידע טראַגיש אומגעקומען אין היטלער־חורבן.

אונדזערע משמשים פלעגן זיך מיינסטנס פאַרנעמען מיט די ענינים פון הויף־לעבן — מיט מיין פאָטערס רבישע און פּער־זענלעכע אָנגעלעגנהייטן; מיט די משפחה־ אָדער שטוב־ענינים האָבן זיך פאַרנומען צוויי איבערגעגעבענע הויז־פריינד, חיים־משה מלמד און בעריש כהן.

חיים־משה איז געווען אַ „בית־המדרש זיצער", שטענדיק געזעסן און געלערנט מיט די בית־המדרש בחורים. געווען אַ שטרענגער, ערנסטער ייד, זעלטן באַוויזן אַ שמייכל אויף זיין איידל, בלאַס פּנים, געווען פאַרשלאָסן אין זיך, אָפּגעזונדערט, אַליין... חיים־משה פלעגט אָבער שטילינקערהייט, קיינער זאָל

נישט באַמערקן, היטן די טריט פון מיין פֿאָטער, אים נאָכגיין אומעטום און אויפֿשרייבן יעדעס וואָרט תורה, וואָס ער האָט שבת און יום־טוב געזאָגט ביים טיש פֿאַר זיינע חסידים.

בעריש כהן איז געווען גאָר אַן אַנדערער טיפּ. אויף זיין פּריש ראָזאָווע געזיכט האָט שטענדיק געשוועבט אַ גוּ־טינקער שמייכל. די דאגות פּרנסה האָט ער איבערגעלאָזט פֿאַר זיין ווייב, און ער אַליין פֿלעגט זיצן אין אונדזער הויז, זייער אָפֿט אין „עזרת נשים", און ליבלעך שמועסן מיט זיין רבינס בני־בית. בעריש כהן איז אויך געווען אונדזער באַגלייטער אין דער הויפּטשטאָט ווען מיר פֿלעגן פֿאָרן נאָך פֿאַרשיידענע קניות. ער איז געווען באַהאַוונט און „אויסגעקאָכט" אין אַלע אונדזערע שטוביקע עסקים און — תמיד גרייט געווען צו גיין אין פֿייער פֿאַר זיין רבין און זיין רבינס קינדער.

אין מיטן אָט דעם רעש און געפּילדער פֿון דעם נייעם רבישן הויפֿלעבן — בית־המדרש, חסידים, מקורבים, משפּחה — האָט ביי מיין פֿאָטער, דעם יונגן רבין, זיך געגומען וועבן אַ נייער חלום, אַ חלום פֿון מנוחה, פֿון שלווה — איינצואָרדענען אין זיין הויף אַ מין קליינעם פֿאָלוואַרק; אַן אייגן שטיקל פֿעלד, גרינס — דער עיקר פֿאַרן געזונט פֿאַר זיינע אָפּגעציטערטע קינדער, זיי זאָלן טרינקען מילך „גלייך פֿון דער קו" און עסן גאָר פֿרישע אייער. און באַלד איז טאַקע אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסע שטאַל און אַ הינערשטייג; אַ גרויסע פֿעטע קו, אַ ווייסע ציג און אַ סך עופֿות האָבן אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אין אונדזער רבישן הויף — אַן התחלה פֿון אַ פֿאָלוואַרק, פֿון מנוחה, פֿון שלווה...

פֿאַרן ממונה איבערן דאָזיקן פֿאָלוואַרק האָט מיין פֿאָטער באַשטימט איינעם פֿון אונדזערע בית־המדרש־בחורים, פּנחסל

ר׳ אלתרס — אַ יונגער קליינגעוויקסיקער בחור מיט אַ קיי־לעכדיקער פּלייצע און פלאַטשיקער נאָז, אָבער מיט אַ גיטינקן אייביק-גליקלעכן שמייכל אויפן פּנים. פּנחסל האָט אַלע זיינע יוגנט-יאָרן פאַרבראַכט אין אונדזער הויף, צוזאַמען מיט זיין אַלטיטשקן טאַטן ר׳ אלתר — איינער פון די ערשטע וואָר־קער חסידים. נאָכן טויט פון זיין ווייב האָט ר׳ אלתר איינ־געפּאַקט טלית-און-תפילין, גענומען זיין איינציק יינגל פאַר דער האַנט און אַוועק מיט אים צו זיין רבין אין אָטוואָצק און דאָרט געלעבט אין אַ קליין בוידעם-שטיבל פון אונדזער ווילע, ביז זיין לעצטן טאָג.

פּנחסל איז געווען אַ גליקלעך באַשעפעניש; ער האָט מורא געהאַט פאַרן רבונו של עולם, ליב געהאַט זיין רבין און זיין רבינס קינדער און אַלע בעלי-חיים אויף גאָטס וועלט. אונדזער הויף איז געווען פּנחסלס וועלט, אונדזער הויז — זיין היים. אין טאָג פון דער חופּה פון זיין רבינס טאָכטער, איז פּנחסל געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער אַ פאַריאַכמע־טער און אָפּגעגעבן דער כלה אַ „קוויטל״ — זי זאָל אים בענטשן...

אַ קנאַפּ יאָר נאָך אונדזער אָנקומען אין זיידנס ווילע, אין אַ רעגנדיקן האַרבסט טאָג, י״ב חשון, תרס״ז, איז מיין מוטער געשטאָרבן, אין עלטער פון צוויי און דרייסיק יאָר, און איבערגעלאָזט פינף יונגע קינדער. אין יענע שווערע טרויע־ריקע טעג, ווען מיין מוטער איז געלעגן שטיל און פאַרטראַכט אויפן האַמאַק אין געדיכטן סאָסנע-וואַלד פון אונדזער ווילע, פלעגט מיין פאָטער אָפט שטיין לעבן איר און טענהן, אַז „פּיקוח נפש איז דאָך אַפילו דוחה שבת״, און ערשט דעמאָלט

האָט זי מסכים געווען טועם צו זיין פון די ספּעציעלע קיילעכלעך פלייש, וואָס דאָקטוירים האָבן איר געהייסן עסן ווי אַ רפואה פאַר איר שווערער קראַנקהייט...

מיין מוטער איז געווען די צווייטע פרוי ביי מיין פאָטער. זיין ערשטע פרוי, אַ טאָכטער פון ראַדאָמסקער רבין (דער „חסד לאברהם"), איז געשטאָרבן אין קימפּעט צוזאַמען מיט איר ערשט געבוירן קינד, — קורץ נאָכן זיידנס ערשטער נסיעה קיין ארץ־ישראל.

אין אַסך יאָרן אַרום, ווען מיין פאָטער האָט שוין אַליין געהאַט אויסגעגעבענע קינדער, האָב איך אים אַ מאָל געהערט זאָגן צו זיינס אַ מקורב: „ראַדאָמסק? — ראַדאָמסק איז געווען דאָס איינציקע גוטע יאָר מיינס"...

להיפּך צום וואַרקער אַסקעטישן הויף איז דער לעבנס־שטייגער אין ראַדאָמסק געשטאַנען אין צייכן פון „ווייבער־שער הערשאַפט", דער הערשאַפט פון דער ראַדאָמסקער רביצין. להיפּך צום אַסקעטיזם, וועלט־פרעמדקייט און פרומער דעספּאָטיע פון זיידן, האָט מיין פאָטער באַגעגנט אין ראַ־דאָממק לעבנספרייד און לעבנס־חכמה, און דעם זיידנס באַפעלן ווי אַזוי צו געשטאַלטן זיין בכורס סדר־היום ווי אַן איידעם אויף קעסט אין זיין שווערס הויף, האָט זיך באַלד אָנגעטראָפן אויף דער זעלבסטהערשעריי און זעלבסטזיכערקייט פון דער ראַדאָמסקער רביצין.

בעת דער פאַרקנסונג פון זיין עלטסטן זון מיטן ראַדאָמס־קער הויף, האָט מיין זיידע אַריינגעטראָגן אַ פּונקט אין די תנאים, אַז דאָס יונגע פּאָרפאָלק וועט נאָך דער חתונה צוזאַמען מיט אים פאָרן קיין ארץ־ישראל. שפּעטער אָבער, ווען דער שנורס מוטער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָוועקצולאָזן

איר יונגע מעוברתע טאָכטער מעבר־לים, האָט דער זיידע טייטלענדיק אויף זיין האַנטפלאַך אויסגערופן: „דאָ וועט מיר האָר וואקסן, אויב זי וועט בלייבן מיין שנור". די יונגע שנור איז געשטאָרבן אַ יאָר נאָך איר חתונה, אין קימפעט. מיין פאָטער, נאָך ניט קיין גאַנצע זיבעצן יאָר אַלט, איז אַריינגע־פאַלן אין אַ שווערער מרה־שחורה. זיין שווער, דער „חסד לאברהם", האָט באַוויינענדיק זיין עלטסטע יונג־פאַרשטאָר־בענע טאָכטער אויסגערופן: „ד ע ם איידעם פאַרלירן איז פונקט ווי מיין טאָכטער פאַרלירן". און מיין זיידע האָט דערקלערט: מער איז ער זיך ניט משדך מיט אַ רבישן הויף; ער וועט מיט זיינע קינדער פון היינט אָן טאָן שידוכים מיט אייגענע ווארקער חסידים, און זיי, די טעכטער פון זיינע חסידים, וועלן אים אַוודאי שטענדיק און אין אַלעמען פאָלגן...

זעקסטער קאפיטל

## נאכן זיידנס פטירה

טרויער אין הויף. — משפחה־סכסוכים. — די מומע צביהלע. — איר ניט־גליקלעכע יוגנט. — דער פעטער ישעיהלע דער עילוי.

.6

די ידיעה פון טבריה וועגן דער פטירה פון זיידן ר׳ שמחה־בונם וואַרקער זצ״ל איז אָנגעקומען עטלעכע חדשים נאָך מיין מוטערס טויט. איין איינציק יאָר האָט ער דאָרט געלעבט, ניט געלאָזט זיך מער רופן רבי, געלעבט פשוט, איינזאַם, בלויז מיט עטלעכע אַלטע חסידים, צווישן זיי איינער פון די אַלטע וואַרקער, וואָס איז מיט אים אַוועק קיין ארץ־ישראל און פאַרבליבן ביי אים ביז דער לעצטער מינוט. און ב׳ שבט תרס״ז האָט ער, זיצנדיק אין פאָטעל, איינגעהילט אין טלית און תפילין, אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם אין עלטער פון זיבן און פופציק יאָר.

זיין קבר האָט זיך מיין זיידע געהאַט אויסגעקליבן נאָך בעת זיין ערשטער נסיעה קיין ארץ־ישראל — אויפן בית־עולם אין טבריה, לעבן ר׳ מענדעלע וויטעבסקער.

די פלוצעמדיקע פטירה פון זיידן האָט געבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין מיין פאָטערס געמיט. ער האָט שטאַרק געטרויערט נאָך זיין טאַטן, געווען פאַרעצבהט, פאַרקלערט און טיף אין האַרצן אָנגעהויבן רעווידירן זיין פריערדיקע קעגנערשאַפט צום זיידנס אויסטערלישן וועלט־באַנעם, און אָנגעהויבן וועבן אַ נייעם חלום — פאָרן קיין ארץ־ישראל אויף קבר־אבות.

מיין פאָטערס דריטע פרוי האָט געשטאַמט פון אַ קליין פויליש שטעטל פשעדבאָרזש, פון אַ ניט פערמעגלעכער מש־

פּחה, דערפֿאַר אָבער פֿון גאָר גרויסן ייחוס — פֿון די ראָספּ־
שער, קוזמער, מעזשביזשער וואָס זייער ייחוס איז דער־
גאַנגען ביזן „ייד הקדוש”.

אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען מיין ניינצן־
צוואַנציק־יעריקע שטיפמאַמע, האָב איך מיך דערשראָקן פֿאַר
איר לאַנגער, דאַרער געשטאַלט און ס'האָט זיך מיר געוואָלט
אויסרופֿן, זי זאָל זיין פֿאַרזיכטיק, זיך ניט איבערברעכן... אַ
פּנים, זי האָט זיך אויך דערשראָקן — פֿאַר דעם גרויסן הויף,
פֿאַר די קליינע שטיפקינדער, פֿאַר דעם גרויסן דינסט־פּער־
סאָנאַל, פֿאַר די פּילצאָליקע צימערן — און זי האָט זיך פּלוצעם
צעלאַכט הויך אויפֿן קול. ביי אונדז אין הויז האָט מען קיין
מאָל אַזוי הויך ניט געלאַכט...

מיטגעקומען מיט מיין שטיפמוטער אין אונדזער הויז איז
אויך איר אַלטע מוטער, אַ דאַרע, קליינע, פֿלינקע יידענע מיט
אַ „מאַנסבילשן קאָפּ”, ווי די ראָספּשער חסידים פֿלעגן זאָגן
אויף איר, וואָס האָט דערוואַרט, אַז אַלע אירע אַנטוישטע
אַמביציעס און צערונענע האָפֿענונגען זאָלן פֿאַרווירקלעכט
ווערן אין איר יונגער מיזינקע יוכבדל, און זי טאַקע פֿאַרקנסט
מיטן באַרימטן וואָרקער הויף. שפּעטער פֿלעג איך אָפֿט טרעפֿן
מיין יונגע שטיפמוטער זיצן אויף דער קאַנאַפּע אין איר צימער
און וויינען. געוויינט מסתמא אויף איר פֿרעמדקייט אין איר
אייגן הויז, מיט אַ שוויגער, שטיפקינדער, קרובים, שמשים,
חסידים, משרתים. געוויינט אפֿשר אויפֿן תהום צווישן איר און
דער רייכער פּערזענלעכקייט פֿון איר מאַן... געוויינט אפֿשר
אויף אירע מיידלשע יאָרן און יונג־ווייבלשע צייטן, וואָס זי
האָט זיך אוודאי גאַנץ אַנדערש פֿאָרגעשטעלט.

איז מיין פֿאָטערס האָפֿנונג אויף מנוחה און שלוה גאָר אין

גיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אילוזיע. מחלוקתן האָבן זיך אָנגעהויבן אין אונדזער היים, צווישן מיין שטיפמוטער און איר שוויגער, מיין באָבע גאָלדעלע, און ירושה־סכסוכים צווישן מיין פאָטער און זיינע דריי יינגערע ברידער.

קעגן די מחלוקתן צווישן זיין געליבטער מאַמע און זיין יונגער פרוי איז מיין פאָטער אַלע יאָרן געווען הילפלאָז. די באָבע, די עקרת־הבית פון אונדזער הויז זינט מיין מוטערס טויט, האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט אין רבישן הויף ביד רחבה, אויפן גאָר גרויסן שטייגער. אונדזער ווילע איז געוואָרן אַ היים פאַר דער גאַנצער משפחה, סיי פון טאַטנס און סיי פון דער מאַמעס צד. עס פלעגט ווימלען ביי אונדז מיט קרובים — נאָענטע און ווייטע, באַזונדערס אין די זומער־חדשים, ווען זיי פלעגן קומען צו אונדז „אויף דאַטשע".

אונדזער יעדער „דאַטשע־גאַסט" האָט געגעסן זיינע ספּע־ציעלע מאכלים לויט דער פאַרשריפט פון זיין ספּעציעלן דאָק־טאָר. איין מומע, פון דער באָבעס צד, האָט זיך באַזונדער אויס־געצייכנט מיט איר „אייער־דיעט"; זי האָט צוויי מאָל אַ טאָג געגעסן צו צוויי שיטערע אייער, און ביי יעדן מאָלצייט, צווישן אויפעסן איין איי און דאָס אַנדערע, פלעגט זי שטילינקערהייט רעדן צו זיך אַליין: „הם, צוויי אייער?! — צוויי אייער, האָט מיר דער דאָקטאָר אַליין געזאָגט, איז פּונקט ווי אַ האַלב פונט פלייש"... און געשמאַק געשעפּט מיטן זילבערנעם לעפעלע די שיטערע געלבלעכע פון דער אייער־שאָלעכץ.

אונדזער הויף האָט געשפּרודלט אויך מיט יונגע „דאַטש־ניקעס". דאָס זענען מיינסטנס געווען יענע כלה־מיידלעך אין דער משפחה, אויף וועמען ס'איז געפאַלן אַ חשד אויף אַן אָפּנייג פון דעם אויסגעטרעטענעם, דורות־אַלטן וועג פון

זייערע עלטערן. פלעגן די עלטערן אָפּט מאָל טאָקע לאָזן זייערע טעכטערלעך ביי אונדז אויך איבער די לאַנגע ווינטער־חדשים, האָפנדיק, אַז אווירא דחצר וועט זיי מחזיר למוטב זיין...

איז טאָקע אַ מאָל ביי אונדז שיער נישט פאָרגעקומען אַ שאַרפער משפחה־קאָנפליקט צוליב דער באָבעס אַ ברודערן־טאָכטער, אסתר הערץ. אסתר איז געווען אַן אינטעליגענט, קלוג, ענערגיש מיידל. זי האָט געענדיקט אַ פרעבל־שולע, געווען באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, זיך געחברט מיט יידישע קינסטלער און אַלע יאָרן געשטרעבט צו קענען אַוועק אין דער גרויסער וועלט. אָבער די אויסערגעוויינטלעכע, גרענעצלאָזע ליבשאַפט צו איר שוואַכער, אינטעליגענטער, איידעלער מוטער האָט צונישט געמאַכט אַלע אסתרס יוגנט־חלומות. יעדער פּלאַן אירער צו פאַרלאָזן די היים און אַוועקלאָזן זיך אין מרחקים, איז צעשטערט געוואָרן דורך איר שטענדיקער זאָרג: „און וואָס וועט זיין מיט מיין מאַמע?"...

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אסתר, אָן אַ „זייגעזונט", אַוועק קיין רוסלאַנד, געווען דאָרט לערערין און ביז איר לעצטן טאָג געהאָפט נאָך צו זען אַ מאָל איר מאַמען.

אסתר הערץ איז געווען די ערשטע וואָס האָט בשתיקה אַריינגעבראַכט יידישע צייטונגען און ביכער אין אונדזער הויז, אונדז דערציילט וועגן יידיש טעאַטער, וועגן די קאָנצערטן פון שניאורס כאָר אין וואַרשעווער „הזמיר", און וועגן „פועלי ציון" אויף דער קאַרמעליצקע גאַס.

באַלד אָבער האָט זיך מיין פאָטער וועגן דעם דערוווּסט, זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אסתרס איינפלוס אויף זיינע קינדער און אונדז שטרענג אָנגעזאָגט מער זיך מיט איר נישט

צו חברן. דערפאַר אָבער האָט ער אונדז געקויפט חימושים מיט אַ יידישער איבערזעצונג (דער „בית יהודה״), יעדן פרייטיק־צונאַכטס פאַרהערט זיין טעכטערל אין דער סדרה פון דער וואָך און געוועזן שטאָלץ אויף איר „גוט קעפל״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. און זיין יונגערן, ליבסטן זון האָט ער דער־לויבט צו לערנען דעם „תניא״ און געמיינט, אַז דער עברי־טייטש פון תנ״ך און די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון חב״ד וועלן זיין אַ שוצוואַל אַרום זיין הויז קעגן דער דרויסנדיקער וועלט און אירע צייטשטראָמען...

אין אָט דער דאָזיקער רחבותדיקער הויפּישער אַטמאָס־פער האָט זיך מיין באָבע גאָלדעלע, צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, געפונען אין איר ריכטיקער ראָל. מיטן אָנקום אָבער פון מיין שטיפמוטער, האָט זי דערפילט, אַז דאָס הויז גליטשט זיך אַרויס פון אירע הענט און גייט אַריבער אין רשות פון איר יונגער שנור... און זייביידע, — מיין באבע אין איר יאָרנ־לאַנגער פאַרוויטאָגדיקייט און מיין שטיפמאַמע אין איר אומבאַהערשטקייט און אומדערפאַרנקייט — האָבן פאַרבי־טערט דאָס לעבן אין אונדזער היים.

אין דעם ירושה־סכסוך מיט זיינע ברידער, איז אָבער מיין פאָטער נישט געווען נאָכגיביק און זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע: מיינע פעטערס האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען מיין פאָטערס זכות־בכורה אויף אַ טאָפּלטן ירושה־טייל און נישט די ירושה־רעכט פון זייער שוועסטער אויף נכסי דלא ניידי. מיין פאָטער האָט געהאַלטן מיט מיין מומע צביהלע, געפאָדערט פאַר איר אַ גלייכן ירושה־טייל און לבסוף — פאַרלאַנגט אַ דין־תורה.

מיין מומע צביהלע האָט זינט איר פריסטער יוגנט געהאָט

אין איר עלטסטן ברודער דעם באַשיצער און באַהיטער. איר אייגענעם טאַטן האָט זי קנאַפּ וואָס געקענט, מיט אים קיין מאָל ניט נאָענט געווען. אירע קינדעריאָרן זענען געווען האַרטע און אָן פרייד. גאָרניט האָט מען געמעגט אין איר טאַטנס רבישן הויף — ניט שפּילן זיך מיט פרעמדע קינדער, ניט אַרומלויפן פריילעך אין וואַלד און זיך צוהערן צום אייגענעם ווידערקול, און אַפילו ניט אַריבערקלעטערן דעם הויכן צוים, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם זיידנס הויף און אים אָפּגעשיידט פון גאָר דער וועלט. איז טאַקע איין מאָל צוליב צביהלען אויסגעבראָכן אַ טומל אין זיידנס הויז: זי האָט, ניט געקוקט אויף איר טאַטנס שטרענגן פאַרבאָט, זיך שטיפעריש אַריבערגערוטשט אויף יענער זייט פּאַרקאַן און אַרום פון הויף, אויפן פרייען אַרום. אַז מען האָט צביהלען צוריקגעבראַכט אין הויף, האָט ר׳ שמחה-בונם ווארקער אויסגערופן: „געלויבט דער אייבערשטער וואָס איך האָב בלויז איין טאָכטער!״.

צביהלע איז געווען הויך, שלאַנק, געהאַט צוויי שוואַרצע גרויסע טרויעריקע אויגן, אַ טרויער וואָס איז כמעט קיין מאָל ניט פאַרשוווּנדן, אַפילו ניט ביי איר האַרציקסטן לאַכן. און לאַכן פלעגט מיין מומע צביהלע זייער אָפט, שטיל און האַרציק.

זיין איינציקע טאָכטער האָט ר׳ שמחה-בונם ווארקער חתונה געמאַכט צו פופצן יאָר מיט אַ רב׳ס אַ זון פון דעם קליינעם פוילישן שטעטל סאָליעץ, אַ דרייצניעריק יינגל, ישעיהלע דער עילוי, אויסגעזען האָט ער ווי אַ קינד פון אַכט. צביהלע איז שוין דעמאָלט געווען אַ פיזיש שיין-אַנטוויקלטע און רייפע פרוי. אונטער דער חופּה האָט דער חתן דערגרייכט ביז צו איר טאַליע...

צו דער חתונה פון דער איינציקער טאָכטער אין ווארקער

הויף זענען זיך צונויפגעפאָרן חסידים פון גאַנץ פּוילן. די געסט האָבן געמוזט זיין געקליידט לויט מיין זיידנס פאָרשריפטן: די פרויען אין הייבלעך — ניט אין פּאַרוקן; די מענער אין ווייכע העמדער, ניט־געשטייפטע קעלנער און אין גרויסע, שוואַרצע, סאַמעטענע קאַפּלען אויף די קעפּ, מיט שוואַרצע זיידענע גאַרטלען אַרום זייערע לענדן. געטישט פאַרן ריזיקן עולם האָט מען אין מיטן גרויסן וואַלד פון דער ווילע. צו דער חופּה האָט מען געפירט דעם חתן איבער די געדעקטע טישן איבערן גאַנצן הויף, מורא האָבנדיק דאָס יינגעלע זאָל חלילה ניט צעטראָטן ווערן פון דער מענטשן־מאַסע וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען פון גאַנץ פּוילן צו דער שמחה ביים וואַרקער רבין.

צביהלעס פאַמיליע־לעבן איז ניט געווען גליקלעך. אירע ערשטע צוויי פרי־געבוירענע קינדער זענען געווען קרענקלעך און באַלד געשטאָרבן. און גאָר אין גיכן האָט זי פאַר־לאָזט איר פּופּצן־זעכצן־יעריקן מאַן און איז אַוועק צוריק אַהיים צו איר מאַמע אין וואַרקע אויף היפּשע עטלעכע יאָר.

די באָבע גאָלדעלע האָט איר גאַנץ לעבן ניט ליב געהאַט איר איינציקן איידעם, צו אים זעלטן אַ וואָרט אַרויסגערעדט און אים באַשולדיקט אין אַלע טראַגישע געשעענישן אין איר איינציקער טאָכטערס לעבן.

אין אַ צייט אַרום איז צביהלע צוריק צו איר מאַן, אויס־געוואַקסן אין אַ גאָטספאָרכטיקער מאַמע פון עטלעכע געזונטע, שיינע קינדערלעך און אָפט מאָל געבעטן ביים רבונו־של־עולם זי זאָל זוכה זיין צו אַ „פולן פּיעקעליק קינדער" און אַ זעקל געלט צו זיי. ישעיהלע דער עילוי איז שפּעטער געווען אַ גוט־געוואַקסענער מאַן, אַן אָנגעזעענער רב אין שטעטל ביאַלאַ־

בזשעג, געהאַט אַ סך יידיש און אַלגעמיין וויסן און — אַן אייגנאַרטיקן קאָמפּלעקס: ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט גע־קוקט גלייך אין די אויגן. בעתן רעדן צו עמיצן, — סיי צו אַ פרוי סיי צו אַ מאַן — האָט מיין פעטער שטענדיק געהאַלטן זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט און האַלב־פאַרזשמורעט. אין שפּע־טערדיקע יאָרן, — אַ פּנים צו אַנטלויפן פון זיך אַליין — איז ער געוואָרן אַן אומאַנער חסיד, אַ חסיד פון אַ טויטן רבין, ר׳ נחמן בראסלאַווער, אויף וועמענס קבר חסידים פלעגן זיך פאַרזאַמלען, לערנען גאַנצע טעג, טאַנצן גאַנצע נעכט און טרינקען „לחיים״.

מיין פעטער ישעיהלע, זיין פרוי און זייערע דריי שיינע און געראָטענע קינדער האָבן די נאַצישע מערדער אומגע־בראַכט אין איין טאָג.

## זיבעטער קאפיטל

# פון אטוואצק קיין ווישקאוו און צוריק

פיקוח נפש — דוחה שבת. — די פריצייטיקע פטירה פון פעטער דודל.— די מומע געלע און איר משפחה. — דער פעטער ישראל יצחקל און זיין פאמיליע־לעבן.

.7

ביז צום פסק־דין אין די ירושה־ענינים האָט מיין פאָטער פאַרלאָזט דעם זיידנס ווילִיע און איז מיט זיין משפחה אַוועק וווינען אין ווישקאָוו. ווישקאָוו איז געווען איינס פון די פּראָגרעסיווערע שטעטלעך אין דעמאָלטיקן פּוילן — אַ שטעטל מיט שולן, קינאָס, טאַנץ־זאַלן און אַפילו מיט עטלעכע אַסי־מילאַטאָרן. די חסידים אין ווישקאָוו האָבן מיין פאָטער אויפ־גענומען מיט גרויס פּאַראַד, זייענדיק שטאָלץ מיט דער זכיה צו האָבן, צום ערשטן מאָל, אַ רבין אין זייער שטאָט. און פון ווישקאָוו געדענק איך דעם אויסטערלישן פאַל פון אָפענעם „חילול־שבת” אין אונדזער הויז:

לויט דער אַלטער וואַרקער טראַדיציע פלעגט מען אין אונדזער הויף גיין שבת און יום־טוב זייער שפּעט „צום טיש”, זעלטן ווען פאַר חצות. פלעגט טאַקע דאָס גאַנצע הויזגעזינט, און באַזונדערס אונדזערע קעכינס, באַלד נאָך ליכטצינדן אַוועק אין זייערע שטובן אויסצורוען זיך פון דער שווערער ערב־שבתדיקער האָרעוואַניע, וואָס האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן שוין דאָנערשטיק ביינאַכט מיטן באַקן חלות און קיכנס, כשר־מאַכן עופות, קאָכן פיש, צוגרייטן דעם טשאָלנט, אויפ־שטעלן דעם שבתדיקן קעסל־טיי און פאַרשיידענע אַנדערע צוגרייטונגען אויף אַ גאַנצן מעת־לעת פאַר דער גאַנצער מש־פחה און פאַר דעם גרויסן עולם חסידים, וואָס פלעגט זיך צוזאַמענפאָרן צום רבין.

פלעגט ניט איין מאָל טרעפֿן, אַז מיין פֿאָטער איז געשטאַ־
נען מיטן כוס וויין אין האַנט, אַרום אים אַ גרויסע עדה יידן,
און געוואַרט ביז דאָס גאַנצע ווייבערשע געזינדל וועט זיך
צונויפֿקומען, נאָך דעם ערב־שבת־דרימל, הינטער דער טיר
פֿון דער גרויסער שמשים־שטוב צו הערן „קידוש”.

האָט אין איינעם פֿון יענע פּרייטיק־צונאַכטסן ביי
אונדז פּאַסירט אַן אויסטערלישע זאַך: די הויפּט־קעכין,
אַ גרויסע, געזונטע, דיקע יידענע, איז פּלוצעם אַוועקגעפֿאַלן אַ
פֿארחלשטע, געלעגן מיט פֿאַרגלייזטע אויגן און שווער גע־
קרעכצט. דאָס גאַנצע הויזגעזינד און שכנים זענען זיך אין אַ
פּאַניק צוזאַמענגעלאָפֿן, זי געוועקט, גערופֿן, געשריגן, געגאָסן
אויף איר אייז־קאַלט וואַסער, אָבער דאָס אַלץ און נאָך פֿאַר־
שיידענע אַנדערע סגולות האָבן ניט געהאָלפֿן. זי איז געלעגן
באַוווסטלאָז, זיך קיין ריר ניט געטאָן. מען איז שנעל געלאָפֿן
נאָך אַ דאָקטאָר.

אַז דער דאָקטאָר פֿון שטעטל, אַ יונגער, עלעגאַנטער מאַן,
מיט גאָלדענע שפּאַקולן אויף דער נאָז און מיט גלאַנציקע
שוואַרצע האָר פֿאַרקעמט אין אַ גלייכן שרינט, איז אַריין אין
אונדזער שטוב אין סאַמע פּרייטיק־צונאַכטס פֿאַר קידוש,
האָבן זיך די חסידישע בחורים און יונגעלייט שנעל אַוועקגע־
רוקט אין אַ ווינקל און זיך אָנגעהויבן שושקען איינער מיטן
אַנדערן. דער דאָקטאָר האָט זיך אַרומגעקוקט, געהייסן עפֿע־
נען די פֿענצטער און באַפֿוילן תיכף־ומיד צו ברענגען אַ
ספּעציעלן רעצעפּט. די חסידים האָבן אויפֿגעציטערט, זיך
איבערגעקוקט הילפֿלאָז און געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט; מיין
פֿאָטער, אָבער, איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער געלט־שאַנק
און מיט אַ שטרענג־ערנסטן טאָן זיך געווענדעט צו מיר:

„זעסט, זאָלסט געדענקען — פיקוח נפש איז דוחה שבת", און תיכף געהייסן ברענגען דעם רעצעפּט פון דער גוישער אַפּטייק.

אונדזער דינסט-פּערסאָנאַל איז געווען כמעט אַן אינטעג־ראַלער טייל פון רבישן הויף, און אַ האַרציקע באַציונג האָט תמיד געהערשט צווישן זיי און אונדזערע קינדער. מיר פלעגן זיי אָנפאַרטרויען אונדזערע קינדערישע „ענינים" און עגמת־נפשן, און זיי אונדז — זייערע פּערזענלעכע דאגות און צרות. באַזונדערס געטריי און איבערגעגעבן צו די קינדער איז גע־ווען אונדזער קעכין זיסל די פּשיטיקערין, די „האַלבע עגונה", ווי מען פלעגט זי רופן. זיסל איז באַלד נאָך דער חתונה זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט איר מאַן און יאָרנלאַנג געווען ביי אונדז. איר אויפגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן אַז די קינדער זאָלן עסן. פלעגט זיסל ניט איין מאָל זיך אַוועקשטעלן הינטער דער טיר פון אונדזער שמשים־שטוב און וויינען אויפן קול, כדי מיין פאָטער זאָל הערן, אַז „די קינדער עסן ניט". זיסלס געטריישאַפט איז אָפט מאָל דערגאַנגען צו לעכערלעכן קאָמיזם: איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן דאָנערשטיק־ביינאַכט, ווען אונדזערע קעכינס, העלפערינס און איינגייערינס זענען שוין געווען פאַרטיק מיט אַלע ערב־שבתדיקע הכנות און דער זייגער האָט שוין געשלאָגן צוויי, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען לעבן מיר זיסלען, מיט אַ גרויסן הייסן קאָטלעט אויפן טעלער. „נעם, עס עפּעס" — האָט זי זיך ביי מיר געבעטן רחמים — „האָסט דאָך היינט נאָך גאָרניט געגעסן"...

צומאָרגנס, ווען אונדזערע שטוב־מענטשן האָבן חוזק געמאַכט פון איר משונהדיקן איינפאַל, האָט זיסל פרום פאַר־

גלאָצט די אויגן און אויסגערופֿן: „עץ לאַכט, ווער ווייסט וויפֿל הימלען דער רבי האָט אויסגעקלעטערט נאָך דער נשמה פֿון דער טאָכטער"!

אַז דאָס בית־הדין האָט צוגעפּסקנט מיין פֿאָטער זיין זכות הבכורה, האָט ער תיכּף זיך דערפֿון אָפּגעזאָגט, אויסנעמענדיק אָבער אַ תנאי, אַז עס זאָל אָנערקענט ווערן די ירושה־רעכט פֿון דער מומע צביהלע אויף נכסי דלא ניידי. ערשט דעמאָלט האָבן מיר פֿאַרלאָזט ווישקאָוו און צוריק געקומען קיין אָסט־וואָצק און זיידנס ווילע.

דעם זיידנס ווילע איז באַשטאַנען אַ חוץ דער צוויי־שטאָקיגער געביידע אין מיטן וואַלד, ווו מיר האָבן געוווינט, פֿון נאָך עטלעכע, קלענערע הייזער. מיין פֿאָטער האָט גלייך באַשטימט איין הויז פֿאַר זיין יינגסטן ברודער, דעם קראַנקן דודל. מיין פֿעטער דודלס קראַנקהייט האָט לאַנג געלויערט אויף זיין לעבן און געדריקט אויף די געמיטער פֿון אונדזער גאַנצער משפּחה. די באבע האָט געגלייבט און געהאָפֿט, אַז די פֿעטע זשיוויצע פֿון די אָטוואָצקער אַלטע סאָסנעביימער וועלן פֿאַרהיילן די קאַווערנע אין דער לונג פֿון איר יינגסטן זון. אָבער — אַ קורצע צייט נאָך זיין אַריבערקלייבן זיך אין אונדזער ווילע, איז דער פֿעטער דודל נפֿטר געוואָרן אין עלטער פֿון ניין און צוואַנציק יאָר, און איבערגעלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט פֿיר יתומים.

אַ קורצע ווײַלע פֿאַר זיין יציאת־נשמה האָט ער צוגע־רופֿן צו זיך מיין פֿאָטער און אים געזאָגט: „אַז דער רבון העולם וועט מיך לאָזן לעבן, זאָג איך צו פֿון היינט אָן צו דאַווענען פֿרי און עסן פֿרי". דער פֿעטער דודל פֿלעגט זיצן

איינגעהילט אין טלית און תפילין און דאַוונען ביז שפּעט נאָך מיטאָג, טייל מאָל ביז פאַר נאַכט, טראָץ די טענות פון זיין געליבטער פרוי און טראָץ דעם היתר פון זיין ברודער, דעם רבין, „עפּעס טועם צו זיין" פאַרן דאַוונען. זענען טאַקע זיינע לעצטע ווערטער אין זיינע לעצטע מינוטן געווען אַ צוזאָג: פרי צו דאַווענען, און פרי צו עסן...

מיין פעטער דודלם פרוי, די מומע געלע, איז געווען אַ טאָכטער פון ר' משה-טוביה סטאַניסלאַווער, אַ ייד ניט קיין באַזונדערס גרויסער למדן, דערפאַר אָבער איינער פון די איבערגעגעבנסטע וואַרקער חסידים. זיין ריזיק-הויכע און ברייטע געשטאַלט מיט דער צעפּאַטלטער, האַלב-געלבלעכער באָרד און שוואַרץ-סאַמעטענער יאַרמולקע אויף זיין גרויסן קאָפּ, פלעגט ממש אָנוואַרפן אַ פחד אויף יעדן איינעם און צוגלייך אַרויסרופן גרויס דרך-ארץ. אַז ר' משה-טוביה פלעגט זיך באַווייזן אויף די געסלעך פון סטאַניסלאַוו* זענען יידן און ניט-יידן שטיין געבליבן פאַרגאַפט; איינער פון זיינע מקורבים פלעגט לויפן פאַרויס פאַכנדיק מיט די הענט אין דער לופטן און אויסרופן: „ר' משה-טוביה, ווייבער; ר' משה-טוביה, ווייבער!" — דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פאַר די ווייבער, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ „וואַרע" און אַוועק גיין אין אַ זייט, ווייל ר' משה-טוביה קומט אָן...

די מומע געלע פלעגט מיט אַסך הומאָר דערציילן פאַרשיידענע קוריאָזן פון איר טאַטן. יעדן פרייטיק נאָך ליכט-צינדן, ווען אַלצדינג אין הויז איז שוין געווען גרייט צום אָנקום פון דער „שבת-מלכה", אויפגערוימט, ציכטיק,

---

* סטאַניסלאַוו-מאַזאָוויעצקי.

די זילבערנע לייכטערס אויפן ווייס־געדעקטן טיש, — פלעגט ר׳ משה־טוביה אַריינפאַלן אין קיך מיט אַ ברייטן „גוט שבת״, אויסגיסן אויפן פאָל אַ פלאַש שמעקעוודיק וואַסער און אויסרופן: „אַ מחיה, דער שבת שמעקט! דער שבת שמעקט!״.

מיין זיידע, ר׳ שמחה־בונם ווארקער, האָט פאַרקנסט זיינע צוויי יינגסטע זין, דעם פעטער משהלע און דעם פעטער דודל, מיט ר׳ משה־טוביה סטאַניסלאַווערס צוויי שיינע און לוסטיקע טעכטער, רויזע און געלע, זייענדיק זיכער, אַז זיי, טעכטער פון ניט קיין „פרעמדן״ רבין און פון אַ ייד ניט קיין גביר, נאָר פון זיין אייגענעם, פשוטן געטרייען חסיד, — זיי וועלן אים שטענדיק און אין אַלעמען פאָלגן...

נאָך דעם פעטער דודלס פטירה האָט מיין מומע געלע באַהאַלטן איר אלמנה־צער טיף אין האַרצן און אָנגעהויבן פון דאָס נייַ איינאָרדענען איר לעבן: געעפנט אַ שניטקראָם אין שטאָטישן טייל פון אָטוואָצק*, דערצויגן אירע קינדער אויפן רבישן שטייגער, און געווען זייער אָנגעזען און געשעצט אין שטעטל. סוחרים האָבן געהאַלטן סיי פאַר אַ חוב און סיי פאַר אַ פאַרגעניגן צו האַנדלען מיט דער „רביצין געלעלע״, ווי זי פלעגט זיך רופן, וואָס האָט געקענט לייזן די שווערסטע געשעפטלעכע פּראָבלעמען מיט אַ קלוג וואָרט און אַ ליב געלעכטערל.

איר יוגנט־טרוים צו זיין אַן „אמתע״ רביצין, איז פאַר־

---

* אָטוואָצק איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: פון איין זייט באַן־סטאַנציע — דאָס שטעטל מיט די קראָמען, שול, מקווה וכדומה; פון דער אַנדערער זייט — דאָס באַרימטע קוראָרט, מיט די רייכע ווילעס און טייערע פענסיאָנאַטן.

ווירקלעכט געוואָרן ערשט אַסך יאָרן שפּעטער, ווען זי האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן אירע קינדער און אַליין געווען נאָך גאָר יונג. זי האָט חתונה געהאַט קיין זאַוויערטשע, מיטן קרימאַלאָווער רבין ר׳ נתן־נחום ראַבינאָוויטש, געפירט אַ שיין הויז, געווען באַליבט סיי ביי אירע שטיפקינדער, סיי ביי די חסידים ביז — זייער אַלעמענס אומקום דורך די נאַצישע מערדער.

מיין פאָטערס צווייטער ברודער, מיין עלטסטער פעטער ר׳ ישראל־יצחקל, איז אַוועק קיין ווארקע, זיך געגרייט צו באַנייען דעם אַלטן פאַרלאָזענעם ווארקער הויף און געוואָרן רבי. אָבער — אין איין יאָר שפּעטער איז ער נפטר געוואָרן אין שטעטל פיאַסעטשנע און איבערגעלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט דריי קינדער פון זיין ערשטער יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי ריוועלע.

ריוועלע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ לאָדזשער גביר, ר׳ יעקב־יצחק גליקסמאַן, אַ ייד אַ למדן, אַן אַלטער וואָרקער חסיד. זי איז געווען אַ שיינע פרוי מיט אַ סך געשמאַק און אַ הומאָרפולן כאַראַקטער. דאָס האָט איר אָפט מאָל געהאָלפן זיך אַרויסצודרייען פון איר שווערס שטרענגע באַפעלן. די באַפעלן פלעגן זיך מיינסטנס באַציען אויף די בגדים, וואָס זי פלעגט באַקומען פון וואָרקער הויף. פלעגט די מומע ריוועלע זיך פירן צו טראָגן די דאָזיקע בגדים בלויז אַזוי לאַנג ווי זי האָט זיך געפונען אין קרייז פון איר מאַנס משפחה און מקורבים. אין איר עלטערנס הויז אין לאָדזש אָבער, פלעגט זי פאַרבייטן דעם שלייער אויף אַ מאָדערן הייבל, און דאָס טולעפּל אויף אַ גאָר מאָדערן, שיין קלייד.



אין גיכן האָט מיין זיידע ר׳ שמחה־בונם זיך דערוווּסט

פון זיין שנורס המצאה, און די יונגע, לוסטיקע ריוועלע איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער קאָנטראָל פון זיידנס אַ מקורב, ר׳ לייביש טורקער, דער אַלטער ימים-נוראימדיקער בעל-תפילה אין וואַרקער הויף. ר׳ לייביש טורקער איז געווען אַן אָנגעזעענער וואַרקער חסיד, אַ קלוגער, פריילעכער ייד, מיט אַ חוש פאַר הומאָר. ער פלעגט אָפט און מיט גרויס הנאה חוזק מאַכן פון אַלע רבישע הייף — אָפט מאָל ניט פאַרשוינענדיק דעם הויף פון זיין אייגענעם רבין.

אַז ר׳ לייביש טורקער האָט באַקומען דעם באַפעל פון מיין זיידן „אַכטונג צו געבן" אויף דער גרויסשטאָטישער שנור אין לאָדזש, פלעגט ער זיך פירן אַ טאָג פאַר זיין אָפיציעלן באַזוך ביי ריוועלען, איר צו וויסן טאָן וועגן זיין אָנקום. מיין מומע האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם ווונק, און יעדער מאָל ווען ר׳ לייביש טורקער איז אַריינגעקומען צו איר פאָטער ר׳ יעקב-יצחק גליקסמאַן אין הויז, האָט ער געפונען זיין רבינס שנור אָנגעטאָן לויט אַלע פאַרשריפטן פון איר שווער, און אַ כשרער באַריכט איז אַוועק אין וואַרקער הויף...

נאָכן פריציייטיקן טויט פון דער מומע ריוועלע, האָט מיין זיידע בשום אופן ניט מסכים געווען, אַז זיין זון זאָל חתונה האָבן מיט אַ „שוועסטער נאָך אַ שוועסטער", טענהנדיק, אַז אויך די שוועסטער וועט אים ניט פאָלגן. מיין באבע גאָלדעלע האָט געהאַלטן מיט איר זון, דעם יונגן אַלמן, וואָס האָט אין זיין אומפאַרגעסלעכער ליבשאַפט צו זיין פאַרשטאָרבענער פרוי געוואָלט בלייבן אין איר משפחה-קרייז און אויך געהאָפט, אַז זיין שוועגערין וועט זיין אַ גוטע שטיפמוטער צו זיינע קליינע קינדער. אויף אַלע אינטערווענצן פון אַלטע חסידים און מקורבים, אַז דער זיידע זאָל מסכים זיין צום שידוך, האָט

ער געענטפערט: „איך בין ברוך־השם אַן עקשן!"...

נאָכן זיידנס פּטירה האָט מיין פעטער ישראל־יצחקל חתונה געהאַט מיט זיין שוועגערין צביה, אָבער — נאָך צוויי יאָר פאַמיליע גליק איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. זיין יונגע פרוי איז צוריק אַוועק קיין לאָדזש אין איר פאָטערס הויז, די יתומים זענען געקומען צו אונדז, און מיין פאָטער איז געוואָרן דער טאַטע פון זיין עלטסטן ברודערס דריי קינדער.

מיין פאָטערס ערשטע און שטרענגסטע פאַראָרדענונג אין הויז איז געווען ניט צו מאַכן חס־ושלום דעם מינדעסטן חילוק צווישן זיינע און זיין ברודערס קינדער. דער עיקר האָט ער שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער באַציונג פון מיין עלטסטן ברודער יצחק צו אונדזער שוועסטערקינד מענדעלע, דעם עלטסטן זון פון מיין פאַרשטאָרבענעם פעטער.

מענדעלע איז געווען אַ יונג בחורל מיט אַלטע מיחושים, גוטהאַרציק, עניוותדיק, דעם אייגענעם איך שטענדיק פאַררוקט אין שאָטן; פול מיט רחמנות צו זיך אַליין און צו דער גאַנצער וועלט, — גאַנץ אַנדערש פון מיין ברודער יצחק, וואָס איז געווען אַ יאָזאָגער צו אַלעם פּשוטן און געזונטן.

באַלד נאָך דער פאַרקנסונג פון זיין עלטסטן זון מיטן אַלעקסאַנדער הויף, האָט מיין פאָטער אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד קיין אַלעקסאַנדער און באַלד איז אויך זיין ברודערס עלטסטער זון פאַרקנסט געוואָרן מיטן זעלביקן רבישן הויף. און זייער שטאַרק איז אַכטונג געגעבן געוואָרן, אַז עס זאָל חס־ושלום ניט געמאַכט ווערן קיין שום אונטערשייד צווישן די ביידע חתן־בחורים, סיי אין זייער אויסשטייער, סיי אין זייערע כלה־מתנות.

## אכטער קאפיטל

# די חתונה אין אלעקסאנדער הויף

מיין ברודערס חתונה. — דאס ארעם־מאלצייט. — חתונה־קליידער.— די נסיעה קיין אלקסאנדער.

.8

מיין פאָטערס ערשטער פריידיקער מאָמענט זינט יענע לאַנג פאַרגאַנגענע אָבער ניט־פאַרגעסענע טעג אין זיין גליק־לעכער יוגנט אין ראַדאָמסק, איז געווען די חתונה פון זיין עלטסטן זון אין אַלעקסאַנדער הויף. אַ חתונה מיט אַ גרויסן פאַרנעם און גרויסאַרטיקע פּאַרמען, געפייערט מיט גרויס פּאַראַד, — אין געוואַלדיקן קאָנטראַסט צו דער אַסקעטישער טראַדיציע פון וואָרקער הויף.

וואָכן־לאַנג פאַר דער חתונה האָט אונדזער הויז געווימלט מיט מענטשן: קוכערס, קעכינס, בעקערס, סאַרווערס, העלפּע־רינס און איינגייערינס, שכנטעס און סתם־ווייבער — אַלץ האָט זיך פלייסיק און ערנסט געפּאָרעט אַרום דער ערשטער און גרויסער שמחה אין אָטוואָצקער הויף. אַלע קאַמערן, וועראַנ־דעס, באַלקאָנען, פּאָדערצימערן, — אַלץ איז געווען פון אָנגעשטאָפּט מיט זעק מעל, קאַסטנס צוקער, קוישן אייער. פעסלעך פוטער, קאַסטנס מאַנדלען, ראָזשינקעס, אַלערליי צוקערוואַרג און פאַרשיידנסטע פרוכטן, געצוקערטע און פריי־שע, — מיטצונעמען קיין אַלעקסאַנדער אויף דער חתונה און אויף די גאַנצע זיבן טעג שבע־ברכות.

באַזונדערס פייערלעך און ערנסט איז אין דער וואָך פון דער חתונה געפּראַוועט געוואָרן דאָס „אָרעם־מאָלצייט״ פאַר אַלע אָרעמע־לייט פון דער שטאָט און פון דער אומגעגנט. מיין פאָטער זעלבסט האָט זיך פאַרנומען מיט די הכנות צום מאָל־

צייט און אכטונג געגעבן, אַז אויף די לאַנגע, גרויסע טישן, אויסגעשטעלט אין אַ „ח" (סימן ח״י) זאָלן זיין אויסגעשפּרייט נייע ווייסע טישטעכער, אָנגעצינדן ליכט אין אַלע זילבערנע לייכטערס און קאַנדעלאַבערעס און אַ סך ווײַן אויף די טישן — געדעקט אין באַזונדערע צימערן, פֿאַר די מענער און פֿאַר די ווייבער. „נאָר ניט אַבי יוצא צו זיין" — האָט ער צו אונדז געטענהט און אונדז באַפוילן אָנצוטאָן זיך אין יום־טובדיקע קליידער און זיצן צוזאַמען מיט די אָרעמע ווייבער. ער אַליין איז געזעסן מיטן חתן אויבן אָן, אַרום זיי די אָרעמע־לייט און געפּראַוועט שעהן לאַנג טיש, מיט די בעסטע מאכלים און משקאות. נאָכן „טיש" האָט דער חתן געטיילט געלט די אָרעמעלייט און אַוועק מיט זיי אין אַ חסידישן טאַנץ.

אין אַ גאַנץ באַזונדערער קאָכיקער אַטמאָספער האָבן זיך אין יענע שמחה־טעג באַוועגט די פרויען פון אונדזער משפחה: אַן אַטמאָספער פון שניידערקעס, נייטאָרקעס, פּוצערקעס. אַ פּנים די תאווה צו קליידער האָט זיך מיט איר גאַנצער קראַפט דורכגעבראָכן ווי אַ רעאַקציע צו דער אַסקעטישער פירונג אין ר׳ שמחה־בונמס הויף.

חדשים לאַנג האָבן זיך אונדזערע ווייבערשע פּראָצעסיעס געצויגן פון רבישן הויף צו די עלעגאַנטסטע און מאָדערנסטע שניידער־סאַלאָנען אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט — נאָך חתונה־קליידער, צומאָרגנס־קליידער, שבע־ברכות־קליידער און סתם קליידער — פֿאַר דער באָבען, פֿאַר אונדזער שטיפמו־טער, פֿאַר אַלע מומעס, קוזינקעס, כלה־מיידלעך אין דער משפחה און פֿאַר גאַנץ יונגוואַרג, — פון זייד, סאַמעט, טיול, וואָל, און פון די בעסטע, טייערסטע סחורות. דאָס אַלץ איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון מיין באָבע גאָלדעלע, איינע

פון די גרעסטע מבינטעם אין הילכות ווייבערשע מאָדעס.

די דאָזיקע ווייבערשע אַקטיוויטעט איז געווען פאַרבונדן מיט ניט ווייניק קוריאָזן. אונדזער הויפּט־שניידערקע, פרוי קעלער פון טוואַרדע־גאַס, איז געווען באַקאַנט מיט איר אומ־פּינקטלעכקייט, — אַן אייגנשאַפט, וואָס האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון אירע קליענטינס. אין איר גאַנצער לאַנגיאָריקער שניידעריי האָט פרוי קעלער קיין איין מאָל ניט באַוויזן פאַרטיק צו מאַכן אַ קלייד צום טערמין. פלעגן אין איר ווערק־שטעל טאָקע אָפט פאָרקומען סקאַנדאַלן און קריגערייען. כלות האָבן ספּאַזמירט, מחותנתטעס געחלשט, געוויינט, און גע־וואָרט אויף זייערע באַשטעלטע קליידער. פרוי קעלער, וואָס איז אייגנטלעך געווען מער קינסטלערין ווי שניידערין, פלעגט אין אַזעלכע פאַלן בלייבן רויק און ווי ניט איר מיינט מען, שטיל אַ זאָג טאָן, סתם אין דער וועלט אַריין: „ניט פאַרטיק געוואָרן" און געבראַכט אירע קליענטינס אין פאַרצווייפלונג.

אַז ס'האָט זיך דערנענטערט דער טערמין פון מיין ברו־דערס חתונה און קיין איין קלייד איז נאָך ניט געווען פאַרטיק, האָט מיין באָבען אַרומגעכאַפּט ממש אַ שרעק און נאָך לאַנגע באַראַטונגען האָט זי באַשלאָסן, אַז מיר אַלע צוזאַמען פאָרן אַריין קיין וואַרשע און טרעטן ניט אָפּ פון פרוי קעלערס הויז ביז זי וועט ניט פאַרענדיקן אונדזערע קליידער. און כך הווה — די באָבע, די מומע צביהלע, מיינע קוזינקעס, די כלה־מיידלעך און די ייִנגערע קינדער — אַלע זענען מיר אַריינגעפאָרן צו פרוי קעלער, געבליבן דאָרט זיצן אַ גאַנצע נאַכט, געמאָסטן, געפּאַסט און ווידער געמאָסטן די אומצאָליקע בגדים — ביזן גראָען טאָג אַריין.

צום לעצטן לאַקאָמאָטיוו־פייף פון אונדזער ספּעציעל אָפּ־

געדונגענעם צוג פון וואַרשע קיין לאָדזש אויפן וועג קיין אַלעק-סאַנדער, איז פאַרפאָרן אַ פּאַרסאָפּעטע, אַ פּאַריאַכמעטע די פרוי קעלער מיט אַ דראָזשקע אָנגעפּאַקט מיט הויכע פּודלעס, קופערטס, וואַליזעס, בייטלען, — די חתונה-קליידער פאַרן גאַנצן הויזגעזונד, דורכשטופּנדיק זיך אַ וועג דורך אַן עולם חסידים מיט פּלעשער בראָנפן אין די הענט, וואָס האָבן באַלאַ-גערט דעם צוג, געטרונקען „לחיים״, געווונטשן דעם רבין מזל-טוב און אַוועק אין אַ חסידים-טאַנץ אויפן וואַרשעווער „ווינער וואָקזאַל״.

אַז מיין ברונעטע, הויכע, שלאַנקע מומע צביהלע איז אַריין אין חתונה-זאַל פון אַלעקסאַנדער הויף, אָנגעטאָן אין איר ציטרינפאַרביק אַטלעסן קלייד, אויסגעהאַפטן מיט בלויע סאַמעטענע בלומען און מיט אַ לאַנגן שלעפּ, — איז דער הונדערטקעפּיקער ווייבער-עולם געבליבן שטיין פאַרגאַפט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אָבער באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ בייזע שושקעריי אין זאַל: אַזאַ קלייד, אַ קלייד פאַר אַן אַרטיסטקע, אַזאַ קלייד פאַרן וואָרקערס טאָכטער! און אין אַזאַ קורצער צייט נאָך „אים״ זכרונו לברכה, נאָך זיין דרך!

אונטערן דרוק פון דער גערעדעריי צווישן חסידים און אפשר דערשראָקן פאַר זיך אַליין, פאַר דער אומגעהויערער ענדערונג אין זיין הויף זינט דעם זיידנס פּטירה, האָט מיין פאָטער צו מאָרגנס נאָך מיין ברודערס חתונה פאַרהאַנדלט מיט זיין שוועסטער זי זאָל מוותר זיין אויף דעם „אַרטיסטקע-קלייד״... מיין מומע צביהלע אין איר גרענעצלאָזער ליבשאַפט און פיעטעט פאַר איר ברודער דעם רבין, האָט נאָכגעגעבן.

יאָרן-לאַנג איז דאָס ציטרינפאַרביקע קלייד מיט די גע-האַפטענע בלאָע סאַמעט-בלומען געהאָנגען אין מיין מומעס

שאַנק, פאַרנייט אַרום און אַרום מיט אַ ווייס ליילעך. אין אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען די מעשה „אַרטיסטקע קלייד" איז שוין געווען פאַרגעסן און די מומע צביהלע איז געווען פאַרבעטן צו אַ „שול-פירן" פון וואַרקער רב'ס, הרב זילבערשטיין, טאָכ־טער, איז זי צו צו דער שאַנק אָנצוטאָן דאָס קלייד. זי איז גע־בליבן שטיין אַפּהענטיק. דאָס ווייסע ליילעך איז געווען פאַר־נייט איבערן קלייד פון אַלע זייטן, און — עס איז געווען שבת.

מער האָט מיין מומע צביהלע דאָס דאָזיקע קלייד נישט אָנגעטאָן.

די מומע צביהלע איז געווען אַ „גאָלדענע באַלעבאָסטע", אירע מלבושים האָבן תמיד געבלאַנקט, איר וועש־שאַנק איז געווען ממש ווי אַן אויסשטעלונג. נאָך יעדער וועש פלעגט זי יעדע זאַך באַזונדער דורכקוקן קעגן דער זון צי ס'איז ניטאָ קיין שפּרינקעלע דערויף, און געפונענדיק עפּעס דעם מינדסטן פּגם, פלעגט זי זיך ווענדן צו דער באָבע און אין אַ פאַרדריסלעכן טאָן איר זאָגן: „אָ, ווען איך קען פּוי־ליש!"... דאָס האָט געהייסן, אַז ווען זי קען פּויליש, וואָלט זי זיך שוין געווען אויסגעטענהט מיט דער וועשין, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

די וועשין, די אַלטע שבת־גויה אין דער באָבעס הויז, האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס די מומע צביהלע מיינט און פלעגט כיכנדיק פון געלעכטער שנעל אַרויס פון צימער...

מיין ברודערס כלה, מיין שוועגערין מלכהלע, איז געווען איינע פון די שענסטע פרויען: מיטלגרויס, פול־שלאַנק, צוויי גרויסע הימל־בלאָע אויגן אין אַן אַלבאַסטער־ווייס געזיכט מיט אַ קאָפּ גאָלד־בלאָנדע לאָקן.

זי איז געווען די גרעסטנסטע טאָכטער אין אַלעקסאַנדער הויף און זיך זייער געגרייסט מיט זיך זעלבסט, מיט איר הויף און מיט איר מאַן. זי איז איר גאַנץ לעבן געווען שטאָלץ אויף דעם וואָס ווארקער חסידים האָבן געהאַלטן, אַז איר מאַן, איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון זיידן ר׳ שמחה־בונם — אין אויסזען און אין כאַראַקטער.

מיין שוועגערינס מוטער, די עלטסטע שוועסטער פון אַלעקסאַנדער רבין (דער „ישמח ישראל״), „שבעלע קאַ־זאַק״, ווי חסידים פלעגן זי רופן, איז געווען די הויפּט־אָנפי־רערין פון אַלעקסאַנדער הויף, די ראַטגעבערין פון איר ברודער דעם רבין און גלייכצייטיק די אָנפירערין פון איר גרויסער זאַקן־פאַבריק. שבעלע איז געווען אַ באַרימטע פרויען־פיגור אין דער דעמאָלטיקער חסידישער וועלט. זי פלעגט מיט מאַמעשטאָלץ און הויפישער זעלבסטזיכערקייט דערציילן ווי די גרויסע זאַקן־פאַבריקאַנטן און סוחרים פון טיף רוסלאַנד פלעגן זיך ביי איר בעטן זי זאָל זיי געבן איר טאָכטער מלכהלע פאַר אַ שנור און פאַרגעשלאָגן זייערע גרויסע פאַרמעגנס.

מיין ברודער און מיין שוועגערין האָבן זיך צום ערשטן מאָל געזען אונטער דער חופה. זיי זענען פאַרבליבן דאָס גליקלעכסטע, פאַרליבטסטע פּאָרפאָלק ביז דעם לעצטן טאָג פון זייער לעבן.

נײנטער קאפיטל

## אין די טעג פון דער ערשטער װעלט־מלחמה

רדיפות און גירושים. — דער אנט־
לויף פון דער אלטער היים. —
װארשע. — די פטירה פון מײן פא־
טער. — מײן פעטער רבי ר׳ משה׳לע.

.9

אין יענעם פרייטיק נאָך מיטאָג, דער ערשטער טאָג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אונדזער הויז געווען פול געפאַקט מיט מענטשן: אַלטע מאַמעס, יונגע פרויען און צעשראָקענע קליינע קינדער זענען געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסט הינטער דער טיר פון מיין פאָטערס צימער און ביטער געוויינט, — דער רבי זאָל זיי צוזאָגן אַז זייערע זין, מענער און טאַטעס וועלן בשלום קומען צוריק פון דער מלחמה. מיין פאָטער איז געשטאַנען ביים פענצטער, געקוקט אין געדיכטן וואַלד אַריין, געשוויגן און מיט זיין גרויסער פאַטשיילע זיך געווישט די טרערן פון די אויגן.

די מלחמה האָט געדויערט לענגער ווי מען האָט געמיינט. יידן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרלאָזן זייערע אַלטע איינגעזעסענע היימען אין די שטעט און שטעטלעך און אַוועק זוכן זיכערקייט און שוץ אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן, ווו מען האָט געגלייבט צו זיין זיכערער סיי קעגן דעם אַלגעמיינעם הונגער־שונא און סיי קעגן דעם ספּעציפיש יידישן גורל — פּאָגראָמען, גירושים, פאַרפאָלגונגען.

מיין פאָטער האָט זיך לאַנג געווערט קעגן דעם געדאַנק צו פאַרלאָזן דעם זיידנס ווילע, די דורות־לאַנגע היים מיט די גרויסע שענק ספרים, אָנגעזאַמלטע אין משך פון פיל צענדליקער יאָרן; ער איז געוואָרן ערנסטער, פאַרטראַכטער און עצבותדיקער. די פּאָגראָם־כוואַליעס, שחיטות פון גאַנצע

יידישע קהילות אין רוסלאַנד און פּוילן, דער כסדרדיקער שטראָם היימלאָזע, אַרויסגעיאָגטע פון שטעט און שטעטלעך און — צום סוף — די מוראדיקע ידיעה וועגן אַכזריותדיקן אומקום פון דעם אַלעקסאַנדער רבינס ר׳ שמואל-הערשס עלטסטן זון, ר׳ פייוועלע, אין ראַדעם, וואָס אין זיין הויז זענען אַריין צאַרישע סאָלדאַטן, אים אַוועקגעפירט אין נאָענטן וואַלד און אים אויפגעהאַנגען. דאָס אַלץ האָט געבראַכן מיין פאָטערס ווידערשטאַנד קעגן פאַרלאָזן זיין הויף. דער לעצטער קלאַפּ איז געקומען, ווען אין איינעם פון יענע טעג זענען אַריין קאָזאַקן אין אונדזער בית-המדרש, געמאַכט אַ רעוויזיע, געזוכט געווער אין ארון-קודש און דערקלערט, אַז זיי ווייסן זיכער אַז דער „ראַווין איז אַ דייטשער שפּיאָן"...

אויף צו מאָרגנס זענען טירן און פענצטער פון אונדזער גרוים הויז אין אָטוואָצק פאַרהאַקט געוואָרן מיט ברעטער, אַלע גרעסערע זילבערנע כלים פאַרגראָבן געוואָרן אין וואַלד, און מיין פאָטער מיט זיין גאַנצער משפחה זענען אַוועק קיין וואַרשע, פאַרלאָזנדיק דעם זיידנס ווילע, ווויהין ער האָט זיך שוין מער ניט אומגעקערט...

איינער פון מיין פאָטערס געטרייע חסידים, ר׳ יוסל ראָזנבלאַט, האָט אונדז אָפּגעגעבן זיין זעקס-צימער-וווינונג אויפן גרזשיבאָוו, ווו מיר זענען פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט ביז מיר האָבן באַקומען אַ פּאַסנדיקע אייגענע דירה.

נאָך דער מלחמה ווען ר׳ יוסל ראָזנבלאַט האָט זיך אומגעקערט פון סאָוויעט-רוסלאַנד, וווּהין ער איז געהאַט אַנטלאָפן, און געקומען זען זיין רבינס קינדער, האָט ער אויסגערופן: „איך קום אָקאָרשט פון רוסלאַנד, אָבער די אמתע וועלט-רעוואָלוציע זע איך ערשט איצט — אָט דאָ!"...

די קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט פון מיין פאָטער און די נאָך מער קאָמפּליצירטע לעבנס־באַדינגונגען האָבן פאַר־טיפט דעם דואַליזם אין זיין וועזן, אין פולשטענדיקן היפך צו דער שטאָלענער אויסגעהאַלטנקייט און גאַנצקייט פון זיידן. ווען די נייע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווייען אויף דער יידישער גאַס אין די יאָרן נאָענט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אויך אין זיין הויף, די סאַמע פעסטונג פון דעם חסידיש־פאַרפרומטן לעבן אין דעמאָלטדיקן פוילן, און ווען דער אומפאַרמיידלעכער תהום צווישן דור און דור האָט אָנגעהויבן אָנוואַרפן זיינע שאָטנס אויך אויף זיינע אייגענע קינדער, איז מיין פאָטער געוואָרן מורא־דיק דערשראָקן און אַסך געטראַכט וועגן זיידנס ווערטער פאַר זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל: „יידן, עס ברענט אַ פייער און קיינער זעט ניט!”. דאָס וואָס ער האָט עס דעמאָלט ניט איינגעזען, האָט ער שפּעטער באַטראַכט ווי אַ גרויסן פעלער, ווי אַ פּערזענלעכן דורכפאַל, און אָפט מאָל שפּעט ביי נאַכט פלעגט ער שפּאַנען איבער זיין גרויסן צימער און שעפּטשען צו זיך: „טאַטע, דו ביזט גערעכט געווען!”...

פאַרציטערט איז ער געשטאַנען פאַרן נייעם, אומבאַ־קאַנטן, פאַרן בייט פון די דורות. זיין וועלט האָט געהאַלטן ביים צוזאַמענברעכן, און איין מאָל, נאָך די ימים־נוראים, האָט ער מיך צוגערופן און מיר געזאָגט: „ווייסט, דעם יום־כיפור האָב איך פאַרלייגט תפילות, אַז אויב מיינע קינדער וועלן חס־ושלום ניט בלייבן יידן, זאָלן זיי ניט האָבן קיין קינדער, דער דור זאָל זיך אויסלאָזן”...

מיין פאָטער איז ערנסט קראַנק געוואָרן. דער ערשטער וואָס האָט געוווּסט דעם דיאַגנאָז פון זיין פאַטאַלער קראַנק־

הייט, איז געווען ר׳ משה-לייזער חסיד, מיין פֿאָטערס ערשטער מורה-הוראה אין דער צייט פֿון זיין אַמאָליקן רבנות אין קליינעם שטעטל, און זיין נאָענטער פֿריינד.

ר׳ משה-לייזער חסיד, ווי מען פֿלעגט אים רופֿן צווישן די וואַרקער חסידים, איז נאָך געפֿאָרן צום זיידן, ר׳ שמחה-בונם, געווען אַ ייד אַ למדן, געפֿירט אַלע וויכטיקע בוררותן אין יידישן וואַרשע, און געווען בקי אין דער יידישער און ניט-יידישער פֿילאָסאָפֿישער ליטעראַטור. ביי זיין שמאָל טישל אין טונקעלן צימער אויף אַגראַדאָווע-גאַס האָט ר׳ משה-לייזער חסיד געזוכט דעם תכלית פֿון דער וועלט, געוואָלט וויסן דעם סוד פֿון באַשאַף און געפֿונען — שכחה פֿאַר זיין אייגן פֿאַרפֿעלט לעבן... אָבער איבער אַלעם איז געשטאַנען זיין ליבשאַפֿט צו זיין איין און איינציקן, זייער באַגאַבטן און אינטעליגנטן זון, מיכאל. דער יונגער מיכאל איז געווען זיין טאַטנס לעבנס-אינהאַלט און שענסטער טרוים. און אַז מיכאל איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, אין די יאָרן ווען דאָס לעבן פֿון אַ קאָמוניסט אין פּוילן איז געווען ממש הפקר, האָט ר׳ משה-לייזער חסיד מיט זיינע אייגענע הענט איינגעפּאַקט דאָס רענצל און אים אַריבערגעשמוגלט אויף יענער זייט גרענעץ, קיין דייטשלאַנד, וויסנדיק, אַז ער וועט זיין איינציקן זון שוין קיין מאָל מער ניט זען.

פֿון מיין פֿאָטערס אָפֿטע און לאַנגע שמועסן מיט ר׳ משה-לייזערן, איז געווען קענטיק די מוראדיקע זאָרג, וואָס האָט אים באַפֿאַלן אין דער לעצטער צייט פֿון זיין קראַנקהייט, וועגן דעם קיום פֿון יידישקייט אין צוקונפֿטיקן פּוילן. „דאָס יידישקייט גייט אונטער", פֿלעגט ער זיך פֿאַרקלאָגן פֿאַר ר׳ משה לייזערן און געווישט די טרערן פֿון די אויגן...

עס האָבן ניט געהאָלפן די קאָנסוליומס פון גרויסע דאָקטוירים אין וואַרשע און ניט די פּראָפעסאָרן אין בערלין, וווּ מען האָט מיין פאָטער געבראַכט אין די לעצטע טעג פון דער מלחמה. איינשטימיק האָבן זיי פעסטגעשטעלט דעם פאַטאַלן דיאַגנאָז. שטיל, אויסגעלאָשן און פינצטער איז געוואָרן אונדזער רוישיקע היים. מיין באָבע איז געוואָרן וואָס אַ מאָל איינגעשרומפּענער, איינגעבויגענער; יעדער מאָל ווען זי האָט זיך דערנענטערט צום קראַנקן־בעט פון איר עלטסטן און געליבטסטן זון, פלעגט ער מיט די לעצטע כוחות ענדערן זיין יסורימדיקע גרימאַסע אויף אַ בלאַסן שמייכל און צו איר שעפּטשען: „מאַמע, ס'איז מיר היינט אַסך בעסער, ברוך השם, אַסך בעסער"...

עטלעכע טעג פאַר דער פּטירה האָט ער צוגערופן די באָבען און צו איר געשעפּטשעט: „אַ בלום, אַ שמעקעוודיקע בלום".

צום ערשטן און צום לעצטן מאָל האָב איך אַוועקגעשטעלט אין מיין טאַטנס צימער אַ בלום — אַ פּורפּור־רויטע גרויסע, שמעקעוודיקע אַזאַליע.

ל"ג בעומר תרע"ט (1919) איז מיין פאָטער נפטר געוואָרן אין וואַרשע אויף דזשעלנאַ גאַס נומער 14, אין עלטער פון ניין און פערציק יאָר, אין זעלביקן עלטער ווי זיין זיידע, דער מיטעלער וואַרקער. ער איז געווען אַ ביסל וויניקער צייט רבי פון זיין זיידן, קנאַפּע ניינצן יאָר.

אויפן גאַנצן וועג פון דער לוויה, בעת דער טויזנטקעפּיקער עולם האָט זיך געצויגן איבער די יידישע גאַסן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט ביז צום גענשער בית־הקברות, האָט מיין באָבע געהאַלטן אין איין שעפּטשען: „נו, ס'וועט

דאָך שוין ניט לאַנג דויערן, איך וועל דיר דאָך באַלד ווידער זען... עס וועט ניט לאַנג דויערן"... און ביטער געשלוכצט.

אַ טאָג נאָך דער שבעה זענען חסידים אַריין אין אונדזער הויז, געטרונקען בראַנפן און אויסגערופן צו מיין עלטסטן ברודער יצחק: „לחיים רבי!".

אין זיידנס ווילע אין אָטוואָצק זענען פאַרבליבן מיין ברודער, דער יונגער רבי, מיט זיין פאַמיליע און אונדזער יונגע שטיפמוטער מיט אירע נאָך גאָר יונגע פינף קינדער. מיר, די ערשטע קינדער, האָבן פאַרלאָזן די אַלטע היים, אַוועק אין מרחקים. אין גאַנץ אַנדערע וועגן און דרכים... אויף שטענ־דיק.

נאָך מיין פאָטערס פטירה איז אויך געוואָרן רבי זיין איינציק פאַרבליבענער ברודער, מיין פעטער משהלע, אין פאַלעניץ, נעבן וואַרשע. דער פעטער משהלע איז געווען אַ גוטמוטיקער, ליבלעכער, שטילער, רויקער מענטש. נאָכן פריצייטיקן טויט פון זיין געליבטער פרוי, די מומע רויזע, איז ער פאַרבליבן אַלע זיינע יאָרן אַליין, מיט זיינע נאָך גאָר יונגע קינדער.

בעתן געזעגענען זיך מיט אים פאַר מיין ענדגילטיקן פאַרלאָזן אונדזער היים, האָט מיין פעטער מיט אַ צאַרטן שמייכל מיר געזאָגט: „נו, זעסט, איצט איז דאָך שוין אַלץ אַנדערש; אַלע זענען דאָך שוין אַנדערש... נאָך וואָס האָסט דו גראָד באַדאַרפט זיין די ערשטע?". מיין ענטפער, אַז דער „יתרון" פון „ערשטן" איז דאָס „אויספּלאָסטערן", דאָס „אויס־גלייכן" דעם שווערן וועג, אויף וועלכן אַנדערע גייען שפּעטער אַ סך לייכטער — איז מיין ליבן פעטער זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט.

צענטער קאפיטל

# אונטערגאנג

מיין ברודער דער רבי. — א פרווו צו אנטרינען פון די נאצישע מערדער. — גרויזאמער אומקום

.10

ביי מיין לעצטן באַזוך אין אונדזער הויף אין אָטוואָצק, פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָט מיין ברודער לאַנג גערעדט וועגן ארץ-ישראל, דערמאָנט דעם טאַטנס חלום צו פאָרן אויף קבר-אבות קיין טבריה און געגלייבט אַז ער, דער ממלא-מקומו, וועט דעם חלום פאַרווירקלעכן. אָבער באַלד האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה. דער לעצטער טעלעגראַפישער געשריי נאָך הילף, נאָך אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ-ישראל פאַר מיין ברודער דעם רבין, איז אָנגעקומען שוין צו שפּעט. פון מיטן וועג קיין ווילנע (צוזאַמען מיטן אַמשינאָווער רבין ר׳ שמעון ז״ל) האָט ער זיך אומגעקערט אין זיידנס ווילע. זיין קראַנקע פרוי, מיין שוועגערין מלכהלע, איז דורך אַ פאַטאַלן טעות אַוועקגענומען געוואָרן אין אַן אַנדער שטעטל. מיין ברודער האָט באין־אופן ניט מסכים געווען ממשיך צו זיין דעם וועג אָן זיין פרוי, און זיך אומגע־קערט מיט די קינדער קיין אָטוואָצק.

די טראַגישע פּרטים וואָס ווערן דערציילט וועגן דעם גרויזאַמען אומקום פון מיין ברודער און זיין גאַנצער משפחה: פאַר זיינע אויגן זענען דערשאָסן געוואָרן זיין פרוי און קינדער. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט איינגעהילט אין טלית אומבאַוועגלעך, פאַרשטיינערט און געשעפּטשעט ווידוי. פּלו־צעם איז דער נאַצישער עקזעקוטאָר אַ שפּרונג צו געטאָן צו אים, אים אַ ריס געטאָן פאַרן טלית און אויסגעשריגן: „נו,

דו ביזט דאָך אַ הייליקער, איך גיב דיר נאָך פינף מינוט צייט צו בעטן ווער עס זאָל אומקומען — איך אָדער דו!”.

דער נס איז ניט געשען.

דער פּלאַץ וווּ עס איז קנאַפּע ניינציק יאָר געשטאַנען דעם זיידנס ווילנע מיטן גרויסן בית-המדרש אין אָטוואָצק, אויף בערעק יאָסעלעוויטש-גאַס, איז איצט פאַרוואַקסן מיט גראָז — אַ פעלד באַארבעט דורך אַ פּוילישן פּויער.

ארץ, אַל תכסי דמם!